STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 00697

# OYSGEKLIBENE MAYSELEKH

Brider Grim

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Lief D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

## ברידער גרים

# אויסגעקליבענע מעשהלעך

מיט בילדער פון לודוויג ריכטער

העפט

I



יידישער קולטור־פארלאג/בערלין

ISBN: 0-657-00697-1
Old Call#:, Vol. 00-1026 Vol 01




# Jewish Cultural Reconstruction

## ברידער גרים

# אויסגעקליבענע מעשהלעך

איבערגעזעצט פון דייטש

דורך י״שר

מיט בילדער פון לודוויג ריכטער

העפט

I



יידישער קולטור־פארלאג/בערלין

Copyright 1922 by Jüdischer Kultur-Verlag / Berlin.

געדרוקט אין דער „עבר־דרוקעריי“, בערלין.

# דער מלך פון די זשאבעס, אדער דער אייזערנער הײנריך.

פארצייטענס, ווען ברכות האבען נאך געקענט מקוים ווערען, האט געלעבט א מלך; זיינע טעכטער זענען אלע געווען שיין, אבער די יינגסטע פון זיי איז געווען אזוי שיין, אז אפילו די זון, וואס האט שוין אזויפיל געזעהן, פלעגט פארחידוש'ן זיך, שיינענדיג איר אין פנים אריין.

נאענט ביים פאלאץ פונ'ם מלך איז געלעגען א גרויסער טונקעלער וואלד און אין וואלד אונטער אן אלטער ליפע איז געווען א ברונעם. האט זיך געמאכט א הייסער טאג, – פלעגט די בת־מלכה ארויסגיין אין וואלד אריין און זיך אוועקזעצען ביים ברעג פון דעם קילען ברונעם און אז ס'איז איר סקוטשנע געווארען, האט זי גענומען א גילדען קיילעכעל, געווארפען עס אין דער הייך און עס ווידער אויפגעכאפט. און דאס איז געווען איר ליבסט שפילעכעל.

האט זיך אבער איינמאל געטראפען, אז דאס גילדענע קיילעכעל פון דער בת־מלכה איז נישט אריינגעפאלען צוריק אין אירע הענטעלעך, וואס זי האט אים אקעגען געהאלטען, נאר אראפגעפאלען אויף דר'ערד און זיך אריינגעקייקעלט גלייך אין וואסער אריין. די בת־מלכה האט אים נאכגעקוקט מיט די אויגען, אבער דאס קיילעכעל איז פארשוואונדען און דער ברונעם איז געווען טיף, אזוי טיף, אז מ'האט זיין גרונד נישט געזעהן. האט זי אנגעהויבען צו וויינען און געוויינט וואס העכער און זיך גארנישט געקענט טרייסטען. און ווי זי האט אזוי געיאמערט, האט איר עמיצער א זאג געטאן:

„וואס איז דיר געשעהן, בת־מלכה, דו שרייסט דאך אזוי, אז א שטיין וואלט זיך דערבארעמען." אומגעקוקט זיך, פון וואנעט דאס קול נעמט זיך, האט זי דערזעהן א זשאבע, וואס האט איהר גראבען, מיאוס'ן קאפ פון אונטערן וואסער אפירגעשטרעקט.

„אז ווי, ביסטו עס, אלטע וואסער־פלאסקערין" – האט זי זיך אנגערופען, – „איך וויין איבער מיין גילדען קיילעכעל, וואס איז מיר אריינגעפאלען אין ברונעם אריין."

„זיי שטיל און וויין נישט", האט די זשאבע געענפערט, „איך קען מיר אן עצה געבען, אבער וואס וועסטו מיר שענקען דערפאר, אז כ'וועל דיר צוריקברענגען דיין שפילעכעל?"

„וואס דיין הארץ וועט זיך גלוסטען, ליבע זשאבע", האט זי געזאגט, „מיינע קליידער, מיינע פעריל און דימענטען, אויך נאך די גילדענע קרוין, וואס איך טראג."

האט געענפערט די זשאבע: „דיינע קליידער, דיינע פעריל און די מענטען און דיין גאלדענע קרוין, — נאך זיי טו איך נישט גלוסטען: אבער אויב דו ווילסט מיך ליב האבען און איך זאל זיין דיין חבר און דיין פריינד, זיצען דיר דערנעבען ביי דיין טישעלע, עסען פון דיין גילדען טעלעריל, טרינקען פון דיין גילדען בעכעריל, שלאפען אין דיין בע־טעלע: אויב דו וועסט מיר דאס אלץ צוזאגען, טא וועל איך מיך אראבלאזען און דיר ווידער ארויפברענגען דיין גילדען קיילעכעל.“

„יא, יא“, האט זי געענפערט, „איך זאג דיר אלץ צו, וואס דו באגערסט, ברענג מיר נאר צוריק דאס גילדענע קיילעכעל.“

ביי זיך אבער האט זי געטראכט:

„וואס זי פלוידערט, די נארישע זשאבע, זי זיצט אין וואסער ביי איר גלייכען און קוואקעט און קען קיין מענשענס חבר נישט זיין.“

וויבאלד די זשאבע האט באקומען דעם דאזיגען צוזאג, האט זי אונטערגעטונ־קען איר קאפ, זיך אראפגעלאזט און א ווילע שפעטער ווידער ארויפגעקרעוועט, געהאט דאס קיילעכעל אין מויל און אויסגעשפיגען עס אויפ׳ן גראז. די בת־מלכה איז געווען מלא גדולה, דערזעהענדיג ווידער איר שיין שפילעכעל, האט זי עס אויפגעהויבען און איז דערמיט אוועקגעלאפען.

„ווארט נאר, ווארט נאר“, האט איר נאכגעשריגען די זשאבע, „נעם מיך מיט, איך קען נישט אזוי לויפען ווי דו.“

אבער ס׳האט איר גארנישט געהאלפען, געמעגט שרייען איר קוואק, קוואק מיט אלע כוחות, די בת־מלכה האט זיך נישט אפגעשטעלט, זי איז אהיים געלאפען, און האט באלד פאר־געסען אן דער ארימער זשאבע, וואס האט ווידער צוריק געמוזט אראבנידערען אין איר ברונעם.

דעם אנדערן טאָג, אז די בת־מלכה האט זיך מיטן מלך און מיט אלע שרים געזעצט צום טיש און געגעסען פון איר גילדען טעלעריל, איז פליטש, פליאטש ארויפגעקראָכען עפיס אויף די טרעפען פון מערמילשטיין, דערגרייכט די אייבערשטע טרעפ, האט עס א קלאפ געטאָן אין דער טיר און גערופען:

„קיניגס טאכטער, יינגסטע, עפען מיר.“

איז זי געלאפען און געוואלט זעהען, ווער ס׳איז אין דרויסען, אבער אז זי האט געעפענט, איז די זשאבע געזעסען פאר איר, האט זי מיט אומפעט צוגעפראלעט די טיר, זיך ווידער צום טיש געזעצט און איז געווען זעהר דערשראקען. דער מלך האט דערזעהן, ווי שטארק ס׳קלאפט איר הארץ, האט ער צון איר געזאגט:

„מיין קינד, וואס שרעקסטו דיך, שטייט אפשר א ריז פאר דער טיר און וויל דיך נעמען?“

„ניין, ניין“, האט זי געענפערט, „עס איז קיין ריז נישט, נאר א מיאוס׳ע זשאבע.“

„וואס וויל זי פון דיר?“

„אוי, ליבער פאטער, כ׳בין נעכטען אין וואלד געזעסען ביים ברונעם און געשפילט זיך, איז מיין גילדען קיילעכעל אין וואסער אריין, און וויל כ׳האב אזוי שטארק געוויינט, האט עס די זשאבע ווידער ארויפגעבראכט, און וויל זי האט עס דוקא פארלאנגט, האב איך איר צוגעזאגט, אז זי וועט ווערען מיין חבר. כ׳האב אבער קיינמאל נישט געטראכט, אז זי וועט פונ׳ם וואסער קענען ארויסקומען. איצט שטייט זי אין דרויסען און וויל אריין צו מיר.“

פלוצים האט עס צום צווייטענמאל א קלאפ געטאָן און גערופען:

„קיניגס טאכטער, יינגסטע,
עפען מיר;
ווייסטו נישט וואָס ד׳האסט
מיר נעכטען צוגעזאגט
ביי דעם קילען קוואל פון ברונעם?
קיגיגס טאכטער, יינגסטע,
עפען מיר.״

האט דער מלך געענפערט:

„וואס ד׳האסט צוגעזאגט מוזטו אויך האלטען; גיי נאר און עפען איר.״ זי איז געגאנגען און האט געעפענט די טיר, — איז אריינגעשפרונגען די זשאבע, טריט ביי טריט אירע פיס נאך, ביז צון איר שטול. דא האט זי זיך אוועקגעזעצט און געזאגט: „הויב מיך צו דיר ארויף.״ זי האט קיין חשק ניט געהאט ביז דער מלך האט איר געגעבען דעם באפעל. און ווי די זשאבע איז געזעסען אויף דער שטול, האט זי געוואָלט אויפ׳ן טיש ארויף, איז זי שוין דארט געזעסען, האט זי געזאגט:

„איצט ריק מיר נעהנטער צו דיין גילדען טעלעריל, כדי מיר זאלען קענען עסען אינאיינעם.״

זי האט עס אפילו געטאָן, מ׳האט אבער געזעהן, אז זי טוט עס נישט גערן, די זשאבע האט זיך געלאזט וואויל באקומען, איר אבער האט זיך יעדעס ביסענדעל געשפארט אין האלז. דערנאך האט זי א זאג געטאן:

„כ׳האב מיך אנגעגעסען און בין מיד, איצט טראג מיך אין דיין חדר׳ל אריין און בעט אויף דיין זיידען בעטעלע, וועלען מיר זיך לעגען שלאפען.״

די בת־מלכה האט גענומען וויינען און געפארכטען זיך פאר דער קאלטער זשאבע, וועלכע זי האט נישט געסמיעט אנצורירען און איצט געזאלט שלאפען אין איר ריין שיין בעטעלע. דער מלך אבער האט זיך דערבייזערט און געזאגט:

„ווער ס׳האט דיר געהאלפען, אז דו ביזט געווען אין דער נויט, דעם טארסטו דערנאך נישט מבזה זיין.״

האט זי געכאפט די זשאבע מיט צוויי פינגער, זי ארויפגעטראגען און געזעצט אין ווינקעל.

ווי זי איז געלעגען אין בעט, איז די זשאבע געקומען צו קריכען און האט געזאגט:

„איך בין מיד און וויל שלאפען פונקט ווי דו, הויב מיך צו דיר ארויף, אויב נישט וועל איך דיך צוקלאגען צו דיין פאטער.״

איז זי ערשט געווארען מלא כעס, האט זי זי אויפגעהויבען און זי מיט אלע כוחות א ווארף געטון צו דער וואנד, „איצט וועסטו האבען מנוחה, דו מנוול׳ע זשאבע.״

אבער ווי זי איז אראפגעפאלען, איז זי נישט מעהר געווען קיין זשאבע, נאר א בן־מלך מיט שיינע פריינדליכע אויגען, און ער איז געווארען נאכ׳ן ווילען פון איר פאטער איר ליבער חבר און מאן. האט ער איר דערצעלט, אז ער איז פון א בייזער מכשפה פארשאלטען געווארען און קיינער האט אים פון ברונעם נישט געקענט אויסלייזען, נאר זי אליין, און מארגען וועלען זיי אינאיינעם פארען אין זיין מדינה אריין. דערנאך זענען זיי אנטשלאפען געווארען און דעם אנדערען מארגען, ווען די זון האט זיי אויפגעוועקט, איז געקומען

צו פארען א קארעטע מיט פיר פאר פערד אין דער לענג; געטראגען האבען זיי אויף די קעפּ ווייסע שטרויסען־פעדערן און געגאנגען אין גילדענע קייטען און הינטען איז געשטאנען דער קנעכט פונ׳ם יונגען מלך און דאס איז געווען דער געטרייער היינריך. דער געטרייער היינריך האט זיך אזוי מצער געווען, ווען זיין האר איז פארכישופט געווארען אין א זשאבע, אז ער האט געלאזט לעגען דריי אייזערנע קייטען ארום זיין הארץ, כדי ס׳זאל אים נישט פּאר אומעט און ווייטאג צושפּרינגען ווערען. די קארעטע אבער האט געזאלט אפפירען דעם יונגען מלך אין זיין מדינה אריין; דער געטרייער היינריך האט ביידע ארייננעזעצט, און זיך ווידער הינטען אנידערגעשטעלט און איז געווען פול פרייד איבער דער דערלייזונג. ווי זיי זענען אזוי א שטיק וועגס אוועקגעפארען, האט געהערט דער בן־מלך ווי ס׳קראכט עפּיס אונטער אים, ווי ווען ס׳וואלט זיך עפּיס צובראכען. האט ער זיך אומגעקערט און געגרופען:

„היינריך, ס׳ברעכט דער וואגען.״ —
„ניין, האר דו דארפסט נישט קלאגען
ס׳איז נאר א קייט פון הארצען מיין,
וואס איז געווען אין שמארץ און פּיין
אז ד׳האסט אין דעם טיפען ברונעם
געמוזט זיין א פראש, א גרינער.״

דאך ווידעראמאל און נאכאמאל האט עס געקראכט אויפ׳ן וועג, און דער בן־מלך האט אלץ געמיינט, אז דער וואגען צוברעכט זיך און ס׳זענען אבער דאך נאר געווען די קייטען, וואס האבען זיך צעריסען אויפן הארץ פונ׳ם געטרייעם היינריך, ווייל זיין האר איז אויסגעלייזט און גליקליך געווארען.

# א מעשה מיט איינעם וואס האט זיך אוועקגעלאזט באקענען זיך מיט׳ן פּחד.

א פאטער האט געהאט צוויי זין, פון זיי איז דער עלטסטער געווען א וואוילער און א קלוגער, און געוואוסט זיך אומעטום אן עצה צו געבען, דער יינגסטער אבער איז געווען א לא־יצלח, האט גארנישט געקענט פארשטיין, און לערנען; און ווען די מענשען האבען אים דערזעהן, האבען זיי געזאגט: „מיט דעם וועט דער פאטער נאך האבען זיינע צרות!״

איז עפּיס געווען צו טון, האט עס כסדר דער עלטסטער געמוזט; האט אים אבער דער פאטער נאך שפּעט אדער גאר ביי נאכט געהייסען ברענגען עפּיס און דער וועג האט געפירט איבר׳ן בית־הקברות, אדער איבער גלאט עפּיס א מורא׳דיגען ארט, האט ער געענפערט:

„אוי, ניין, פאטער, אהין גיי איך נישט, ס׳גרוילט מיך!״ ווייל ער איז געווען א שטארקער בעל־פּחד. איז דער יינגסטער געזעסען אין א ווינקעל און האט דאס צוגעהערט פארשטייען, וואס דאס באטייט. „כסדר זאגען זיי, ס׳גרוילט מיך, ס׳גרוילט מיך! מיך גרוילט נישט: דאס איז א פנים א קונץ, וואס איך קען זי גארנישט.״

האט זיך געמאכט, אז דער פאטער האט צון אים איינמאל געזאגט: „הער נאר, דו, אין ווינקעל דארטען, דו ווערסט גרויס און שטארק, דו מוזט אויך עפּיס לערנען, מיט וואס

דו זאלסט דיר קענען דיין ברויט פאַרדינען. זעהסטו ווי דיין ברודער גיט זיך מיה, אבער פון דיר וועט קיין לייט נישט ווערען.״

„יאָ, טאַטע״, האט ער געענפערט, „כ׳וויל גערן עפּיס לערנען; יאָ, ווען ס׳איז מעגליך, וואלט איך געוואָלט לערנען, אז ס׳זאל מיך גרוילען; דערפון פארשטיי איך נאך גארנישט.״

דער עלטסטער האט געלאכט, ווי ר׳האט דאס דערהערט און געטראַכט ביי זיך:

„גאט געררעכטער, וואס פאר א שוטה מיין ברודער איז! פון אים וועט קיינמאל גארנישט ניט ווערען; א קאטשערע אפילו בויגט זיך אויך שוין בייציייטענס.״

דער פאטער האט געזיפצט און אים געענפערט: „דאס גרוילען וועסטו שוין לערנען, אבער דיין ברויט וועסטו דיר דערמיט נישט פאַרדינען.״

באלד דערויף איז געקומען דער קאסציעלניק צו גאסט אין הויז אריין, האט זיך פאר אים דער פאטער געקלאגט, אז זיין ייִנגסטער זון טויג צו גארנישט און וויל נישט לערנען.

„זייט אייך משער, כ׳האב אים געפרעגט, מיט וואס ער וויל זיין ברויט פארדינען, האט ער גאר פארלאנגט צו באקענען זיך מיט׳ן פחד.״

„אויב נאר דאס״, האט געענפערט דער קאסציעלניק, „דאס קען ער ביי מיר לערנען; גיט אים נאר צו מיר, כ׳וועל פון אים שוין מאכען א לייט.״

דער פאטער איז געווען צופרידען, ווייל ער האט ביי זיך געקלערט:

„דאס ייִנגעל וועט פארט א ביסעל שכל באקומען.״

הכלל האט אים דער קאסציעלניק גענומען צו זיך אין הויז אריין און ער האט געמוזט קלינגען מיט די גלאקען. נאך א פאר טעג האט ער אים אויפגעוועקט אין מיטען דער נאכט, געהייסען אים אויפשטיין און ארויפקריכען אויפ׳ן טורעם פונ׳ם קלויסטער און קלינגען.

„דו וועסט איצט וויסען פון פחד צו זאגען״, האט ער זיך געטראכט און איז שטילערהייט געגאנגען פאראויס און ווי דאס יונגעל איז ארויפגעקראכען און אויסגעדרייט זיך, כדי צו נעמען דעם שטריק, האט ער דערזעהן אויף דער טרעפּ א ווייס געשטאלט.

„ווער איז דארטען״, האט ער גערופען, אבער דאָס געשטאלט האט נישט געענפערט, נישט א ריהר געטאָן זיך און זיך נישט באוועגט.

„ענפער מיר״, האט געשריגען דאס ייִנגעל, „אדער גיי צון אלדע רוחות, דו האסט דא גארנישט פארלוירען ביי נאכט.״

דער קאסציעלניק האט זיך נישט געריהרט, כדי דאס יונגעל זאל מיינען, אז ס׳איז א שד. דאס יונגעל האט גערופען צום צווייטענמאל: „וואס ווילסטו דא? רעד, אויב דו האסט גאט אין הארצען, אדער איך וועל דיך פון די טרעפּ אראפּווארפען.״

דער קאסציעלניק האט געטראכט: „ס׳איז נישט אזוי סטראשנע״, האט נישט געענפערט און איז געשטאנען ווי א זייל. האט דאָס ייִנגעל צום דריטענמאל גערופען און ס׳האט אלץ נישט געהאלפען. האט ער זיך א לאז געטאָן און דעם שד געגעבן א שליידער אראפּ די טרעפּען, אז ער איז צען טרעפּען אראבגעפאלען און געבליבען ליגען אין א ווינקעל. דערנאך האט ער געקלונגען מיט די גלאקען, איז אהיים געגאנגען, נישט געזאגט קיין ווארט, געלעגט זיך אין בעט אריין און איז אנטשלאפען געווארען. דאס ווייב פונ׳ם קאסציעלניק האט געווארט א לאנגע צייט אויף איר מאן, אבער ער איז נישט געקומען. האט זי מורא באקומען, אויפגעוועקט דאס ייִנגעל און אים געפרעגט; „ווייסטו נישט, וואו מיין מאן איז ערגיץ? ער איז פאר דיר ארויפגעקראכען אויפ׳ן טורעם.״

„ניין״, האט דאס ייִנגעל געענטפערט, „אבער ס׳איז עמיצער געשטאנען ביים פענסטער אקעגען דער טרעפּ און ווייל ער האט נישט געענפערט און אויך נישט געוואלט אוועקגיין, האב איך אים געהאלטען פאר א שד און אים אראפּגעווארפען. גייט אהין צו און גיט א קוק, וועט איר זעהן, צו ער איז עס. ס׳וואלט מיר זעהר באנג געטון.״ די פרוי איז אוועקגעלאפען און האט געטראפען איר מאן ליגען אין א ווינקעל מיט א צובראכענעם פוס און וויינען.

זי האט אים אראפּגעטראגען און איז אין דערנאך מיט גרויס געשריי אוועקגעלאפען צום פאטער פונ׳ם ייִנגעל.

„אייער ייִנגעל,״ האט זי געזאגט, „האט אנגעמאכט א גרויס אומגליק, מיין מאן האט ער פון די טרעפּ אראפּגעווארפען, און ער האט זיך אויסגעבראכען א פוס: נעמט אייך אהיים דעם שלים־מזל.״

דער פאטער האט זיך דערשראקען, איז געקומען צו לויפען און גענומען שעלטען דאס ייִנגעל.

„וואס זענען דאס פאר א העויות, נישט אנדערש נאר אין דיר איז עפּעס א דיבוק אַריין.״

„פאטער״, האט ער געענפערט, „הערט צו, איך בין גארנישט ניט שולדיג: ער איז געשטאנען ביי נאכט, גלייך ער וואלט וועלען שלעכטס טון, כ׳האב נישט געוואוסט, ווער ס׳איז געווען און כ׳האב דריי מאל געזאגט, ער זאל זיך אנרופען, אדער אוועקגיין.״

„אז וויי״, האט דער פאטער געזאגט, „פון דיר דערלעב איך נאר אומגליק, גיי מיר אויס ד׳אויגען אַרויס, כ׳וויל דיך נישט קענען מעהר.״

„יא, טאטע, גאר גערן, לאזט מיך נאר ווארטען, ביז ס׳וועט טאג ווערען, טא וועל איך מיך אוועקלאזען און לערנען דאס גרוילען, וועל איך דאך דערלערנען עפּיס א מלאכה, וואס וועט מיר קענען ברויט געבען.״

„לערן וואס דו ווילסט״, האט דער פאַטער געזאגט, „מיר איז אלץ איינס. אט האסטו פופציג טאלער, דערמיט גיי אין דער וועלט אריין און זאג קיינעם נישט פון וואנען דו ביזט און ווער דיין טאטע איז, ווייל כ׳מוז מיט דיר בושות איינגעמען.״

„יא, פאטער, ווי איר ווילט, אויב איר פארלאנגט נישט מער, דאס וועל איך אייך זיכער קענען פאלגען.״

ווי ס׳איז טאג געווארען, האט דאס ייִנגעל אריינבאהאלטען די פופציג טאלער אין קעשענע, איז ארויסגעגאנגען אויפ׳ן גרויסען שטראז און אלץ צו זיך געזאַגט: „וואלט מיך נאר געגרוילט! וואלט מיך נאר געגרוילט!״

איז געקומען איינער צו גיין, האט ער געהערט, וואס דאס ייִנגעל האט גערעדט צו זיך און אז זיי זענען געגאנגען א שטיקעל ווייטער, וואו מ׳האט שוין געקאנט דערזעהן די תליה, האט ער צון אים געזאגט:

„זעהסטו, דארט איז דער בוים, וואו זיבען האבען חתונה געהאט פארן שטריק־מאכער׳ס טאכטער און לערנען זיך איצט פליהען: זעץ דיך אריינטער און ווארט, ביז די נאכט וועט קומען, וועסטו שוין לערנען דאס גרוילען.״

„אויב דאס איז עס אינגאנצען״, האט דאס ייִנגעל געענפערט, „דאס איז באלד געטאָן; וועל איך מיך דאס גרוילען גיך אויסלערנען, זאלסטו מיינע פופציג טאלער באקומען. קום נאר מארגען אין דער פריה ווידער צו מיר.״

איז דאס יינגעל צוגעגאנגען צו דער תּליה׳ האט זיך ארונטערגעזעצט און געווארט ביז דער אווענד איז געקומען׳ און ווייל ס׳איז [אים קאלט געווען׳ האט ער אנגעצונדען א פייער: אבער אין מיטען דער נאכט איז אזוי קאלט געווארען׳ אז ער האט זיך פארט נישט געקאנט דערווארעמען׳ און אז דער ווינד האט די געהאנגענע אהין און אהער געווארפען׳ האט ער זיך געטראכט: „אז דו פרירסט הינטען ביים פייער׳ ווי אזוי מוזען זיי אויבען טאנצען פאר קעלט.״ און ווייל ער האט רחמנות געהאט׳ האט ער אויפגעשטעלט א לייטער׳ איז ארויפגעקראכען און איינעם נאכ׳ן אנדערן אויפגעבונדען און זיי אלע זיבען אראב־געבראכט. דערנאך האט ער דאס פייער צושארט׳ אונטערגעבלאזען עס און אלע אויסגעזעצט׳ כּדי זיי זאלען זיך דערווארעמען׳ זענען זיי אבער געזעסען און האבען זיך נישט געריהרט און דאס פייער האט זייערע קליידער אנגעכאפט.

האט ער צו זיי געזאגט: „גיט אכטונג׳ אז נישט וועל איך אייך צוריק אויפהענגען.״ די טויטע אבער האבען נישט געהערט׳ האבען ווייטער געשוויגען און געלאזט ווייטער ברענען זייערע ליאכעס׳ האט ער זיך אויסגעבייזערט און געזאגט:

„אויב איר ווילט נישט אכטונג געבען׳ טא קען איך אייך נישט העלפען׳ כ׳וויל נישט פארברענט ווערען מיט אייך אינאיינעם״׳ און האט זיי איינעם נאכ׳ן אנדערן צוריק אויפגעהאנגען׳ דערנאך האט ער זיך צוריקגעזעצט צו זיין פייער און איז אנטשלאפען געווארען און דעם אנדערן אין דער פריה׳ איז צון אים געקומען דער מאן׳ געמאָהנט די פופציג טאלער און געזאגט: „נו׳ ווייסטו שוין׳ וואס פּחד איז?״

„ניין״׳ האט ער געענפערט׳ „פון וואנען זאל איך עס וויסען? אט די אויבען האבען נישט געוואלט עפענען די מיילער און זענען געווען אזוי נאריש׳ אז זיי האבען געלאזט פארברענט ווערן די פאר אלטע ליאכעס׳ וואס זיי האבען אויף זיך.״ האט דער מאן פארשטאנען׳ אז ער וועט די פופציג טאלער היינט נישט ארויסבאקומען׳ האט ער זיך אויפגעהויבען און איז אוועקגעגאנגען טראכטענדיג ביי זיך: אזא מין בּריאה איז מיר נאך נישט פארגעקומען׳ דאס יינגעל איז אויך געגאנגען זיין וועגס און האט ווידער אנגעהויבען צו זיך צו רעדען:

„ווען ס׳וואלט מיך נאר געגרוילט!׳ ווען ס׳וואלט מיך נאר געגרוילט!״

האט דאס דערהערט א בעל־עגלה׳ וואס איז געגאנגען הינטער אים און געפרעגט: „ווער ביזטו?״

„כ׳ווייס נישט״׳ האט דאס יינגעל געענטפערט. דער בעל־עגלה האט ווייטער געפרעגט: „פון וואנען ביזטו?״ „כ׳ווייס נישט״; „ווער איז דיין פאטער?״ „דאס טאר איך נישט זאגען!״ „וואס רעדסטו עפּיס כּסדר אין דיר אריין?״

„יא״׳ האט דאס יינגעל געענפערט׳ „כ׳וואלט געוואלט ס׳זאל מיך גרוילען׳ אבער קיינער וויל עס מיך נישט אויסלערנען.״

„הער אויף מיט דיינע נארישע רייד״׳ האט זיך אנגערופען דער בעל־עגלה׳ „קום׳ גיי מיט מיר׳ כ׳וויל זעהן עפּיס צו טון מיט דיר.״ דאס יינגעל איז מיט׳ן בעל־עגלה אוועקגעגאנגען און פארנאכט זענען זיי אנגעקומען צון א קרעטשמע און געוואלט דארטען איבערנעכטיגען׳ האט ער אריינקומענדיג אין שטוב אריין ווידער גאנץ הויך א זאג געטאָן: „וואלט מיך נאר געגרוילט׳ וואלט מיך נאר געגרוילט!״

דערהערענדיג דאס׳ האט דער בעל־הבּית זיך צולאכט און געזאגט:

„אויב ס׳טוט דיך דערנאך גלוסטען׳ וועסטו דא געניג האבען פלאץ״׳

„גיי זיי, שטיל״, האט זיך אנגערופען די בעל־הבית׳טע, „נישט איין עקשן האט שוין דא זיין לעבען פארשפילט, ס׳וואלט אן עברה געווען דיינע שיינע אויגען, וואס וואלטען דאס ליכט פון טאג נישט געקאנט מער זעהן.״

דאס יינגעל אבער האט געענפערט: „ס׳זאל נאך זיין ווי שווער, כ׳מוז עס לערנען, פון דעסטוועגען האב איך מיך טאקי אוועקגעלאזט.״ ער האט דעם בעל־הבית נישט געלאזט רוהען, ביז ר׳האט אים דערצעלט, אז נישט ווייט פון דאנען שטייט א פארכישופ־טער פאלאץ, וואו מ׳קען באקענען זיך מיט׳ן פחד, אויב מ׳נעמט זיך אונטער דריי מעת־לעת צו וואכען. דער מלך האט צוגעזאגט דעם, וואס ר׳וועט זיך דאס אונטערנעמען, צו געבען אים זיין טאכטער פאר א ווייב און זי איז דאס שענסטע מיידעל, וואס די זון באשיינט; אין דעם פאלאץ זענען אויך פארבארגען גרויסע אוצרות, וואס ווערען באוואכט פון בייזע רוחות. זיי וואלטען באפרייט געווארען און געקענט אן ארימאן מאכען פאר א גרויסן נגיד. שוין אסך האבען זיך דערצו גענומען, אבער קיינער האט זיך נאך נישט אומ־געקערט. איז דאס יינגעל דעם אנדערן אין דער פריה פארגעטרעטען פאר׳ן מלך און האט צו אים אזוי געזאגט: „אדוני קיניג, אויב דו ווילסט מיר געבען די ערלויבעניש, וואלט איך דריי נעכט געוואלט וואכען אין דעם פארכישופ׳טען פאלאץ.״

דער מלך האט׳ן אים אנגעקוקט און וויל ער איז אים געפעלען געווארען, האט ער געענפערט:

„דו מעגסט דיר נאך דריי זאכען אויסבעטען, ס׳טארען אבער נישט זיין קיין לעבעדיגע, און זיי מעגסטו דיר מיטנעמען אין פאלאץ אריין.״

האט ער געזאגט: „טא וואלט איך געבעטען א פייער, א דרעהבאנק און א שניצ־באנק מיט א מעסער.״

דער מלך האט אים אלע זאכען ביי טאג געלאזט צוטראגען אין פאלאץ אריין. ווי ס׳האט געוואלט ווערען נאכט, איז דאס יינגעל ארויפגעגאנגען, האט אנגעצונדען אין איין שטוב א פלאקערדיג פייער, געשטעלט דערנעבען די שניצבאנק מיט׳ן מעסער און זיך ארויפגעזעצט אויף דער דרעהבאנק.

„אוי, ווען ס׳וואלט מיך געגרוילט!״ האט ער געזאגט, „אבער כ׳וועל זיך אויך דא נישט באקענען דערמיט.״

קעגען האלבע נאכט האט ער געוואלט דאס פייער אביסעל אויפשארען; און ווי ער האט אזוי אריינגעבלאזען, האט זיך פלוצים געלאזט הערען א געשריי פון עפיס א ווינקעל: „אוי, מי אוי!״ „סע פרירט אונז!״ „נאראנים״, האט ער זיך אנגערופען, „אז ס׳פרירט אייך, קומט זעצט אייך צום פייער און ווארעמט אייך אן.״

און ווי ער האט דאס געזאגט, האבען מיט א ווילדען שפרונג זיך א לאז געטאן צוויי קעץ, געזעצט זיך אים צו ביידע זייטען און אים אנגעקוקט משונה׳דיג מיט זייערע פייעריגע אויגען, א ווילע שפעטער, נאכדעם ווי זיי האבען זיך אנגעווארעמט, האבען זיי זיך אנגערופען: „גוטער ברודער, וועלען מיר מאכען א קאהן?״ „פארוואס נישט״, האט ער געענפערט, „אבער קודם ווייזט מיר אהער אייערע לאפעס״. האבען זיי געטון א שטרעק אויס זייערע לאפעס.

„אוי״, האט ער געזאגט, „וואס פאר א לאנגע נעגיל איר האט! כ׳מוז זיי אייך קודם אבשניידען.״

האט ער זיי אנגענומען ביים קארק, ארויפגעהויבען זיי אויף דער שניצבאנק און

זיי פעסט צוגעקלעמט די לאפּעס. „אייך האב איך געקוקט אויף די פינגער״, האט ער געזאגט, „דעריבער האט זיך מיר פארנמאסט צו שפּילען מיט אייך אין קארטען.״ אנגענומען און זיי געהרג׳עט און אריינגעווארפען אין וואסער אריין. אבער ווי די צוויי זענען פארשטומט געווארען, האבען זיך א לאז געטאן פון אלע עקען און ווינקלען א חיל פון שווארצע קעץ און שווארצע הינד אנגעבונדען אן גליהענדיגע קייטן, וואס אמאל מער און מער, אזוי אז ער האט זיך גארנישט געקענט באהאלטען: געשריגען האבען זיי מיט גאר יעמערליכע קולות, צוטרעטען אים דאס פייער, געשלעפּט אהין און אהער און געוואלט עס אויסלעשען. האט ער א ווײַלע רוהיג צוגעקוקט; ווי ס׳איז איהם אבער שוין נמאס געווארען האט ער א נעם געטאן זיין מעסער און געשריגען: „נעמט אייך דעם דרך״, און אנגעהויבען שלאגען. א טייל זענען אוועקגעשפּרונגען, די איבריגע האט ער דערהרג׳עט און זיי ארויסגעווארפען אין טייך אריין. אז ער האט זיך אומגעקערט האט ער פון



די פונקען ווידער אויפגעבלאזען דאס פייער און געווארעמט זיך. זיצענדיג אזוי האט ער נישט מער געקענט אפען האלטען די אויגען און ס׳האט זיך אים פארווילט שלאפען. אומגעקוקט זיך, האט ער דערזעהן אין ווינקעל א גרויס בעט, „דאס איז ווי געווינשען״, האט ער געזאגט און זיך אריינגעלעגט. און ווי ער האט געוואלט די אויגען צומאכען, האט אנגעהויבען דאס בעט פון זיך צו פארען און איז ארום געפארען דעם גאנצען פאלאץ. "גאנץ גוט״, האט ער זיך אנגערופען, „גיכער, גיכער.״ האט דאס בעט גענומען לויפען, גלייך ס׳וואלטען זעקס פערד געווען איינגעשפּאנט, איבער שוועלען און טרעפּען ארויף און אראב: מיט איינמאל האפּ האפּ: האט ער זיך געטאן א קער איבער מיט׳ן קאפּ אראב און די פיס ארויף, אזוי אז עס איז געלעגען אויף אים ווי א בארג. האט ער די דעקען

און קישענס אראבגעווארפען, איז ארויסגעקראכען און געזאגט: „איצט מעג פארע, ווער ס'האט חשק", געלעגט זיךביים פייער און געשלאפען ביז אין טאג אריין. אין דער פריה איז אנגעקומען דער מלך און ווי ער האט אים דערזעהען ליגען אויף דר'ערד, האט ער געמיינט, אז שדים האבען אים געמאכט די זאך און ער איז טויט, האט דער מלך געזאגט: „א שאד דער דאזיגער שיינער מענש."

האט דאס יינגעל דאס דערהערט, זיך אויפגעהויבען און געזאגט: „כ'האלט נאך נישט דערביי!"

דער מלך האט זיך שטארק פארחידוש'ט, געפרייט זיך און געפרעגט, ווי אזוי ס'האט זיך אים געפירט.

„גאנץ גוט", האט ער געענפערט, „איין נאכט איז שוין אריבער, די אנדערע צוויי וועלען אויך אריבער."

ווי ער איז געקומען צום בעל־הבית, האט ער אויסגעפילעט צוויי אויגען. „כ'האב מיר נישט געגלויבט", האט ער געענפערט, „אז כ'וועל דיך נאך זעהן לעבעדיג; האסטו דיך שוין דערוואוסט וואס פחד איז?"

„ניין, סאיז אלץ אומזיסט: וואלט עס מיר נאר עמיצער געקענט זאגען!"

די אנדערע נאכט איז ער ווידער אמאל ארויפגעגאנגען אין אלטען פאלאץ אריין, געזעצט זיך צום פייער און ווידער אנגעהויבען דעם אלטען שיר, „וואלט מיך נאר געגרוילט!"

ווי ס'איז געקומען האלבע נאכט איז געווארען א ליארעם און א געקלאפעריי, קודם שטיל, דערנאך וואס אמאל העכער און העכער, דערנאך ווידער אביסעל שטיל, פלוצים איז, ווי א בייז וואונדער ארויסגעקומען א האלבער מענש דורכ'ן קוימען און איז פאר אים אנידערגעפאלען.

„האהוי!" האט ער גערופען „ס'קער נאך א העלפט דערצו, דאס איז צו ווייניג."

האט דער ליארעם זיך אויפס'ניי אנגעהויבען, ס'האט געליארעמט און געהאיעט און די אנדערע העלפט איז אויך אראפגעפאלען. „ווארט", האט ער געזאגט, „כ'וויל דיר קודם אביסעל אונטערבלאזען דאס פייער." און ווי ער האט דאס געטאן און זיך ווידער אומגעקוקט, זענען די ביידע העלפטען צונויפגעוואקסען און געזעסען איז אויף זיין פלאץ א גאר משונה'דיגע בריאה.

„דעם מסחר מאך איך נישט," האט דאס יינגעל געזאגט, „די באנק איז מיינע."

האט דער מענש געוואלט אים אוועקשטופען, אבער דאס יינגעל האט עס נישט דערלאזט, אים מיט געוואלט אוועקגערוקט און זיך ווידער געזעצט אויף זיין ארט. זענען נאך מער מענער אראפגעפאלען, איינער נאכ'ן אנדערן און זיי האבען גענומען ניין טויטען־ביינער און צחיי טויטען־קעפ, אויפגעשטעלט זיי און אנגעהויבען שפילען קעגעל. דאס יינגעל האט אויך חשק באקומען און געפרעגט: „הערט נאר, מעג איך מיטשפילען?" „יא, אויב ד'האסט געלד" — „געלד גענוג פארהאן", האט ער געענפערט, „אבער אייערע קוילען זענען נישט גענוג קיילעכדיג." האט ער גענומען די טויטענקעפ, זיי אריינגעשטעלט אין דער דרעהבאנק און געמאכט זיי קיילעכדיג. „אט איצט וועלען זיי זיך בעסער קייקלען", האט ער געזאגט, „אהער! איצט וועט פרעהליך ווערען!" ר'האט מיטגעשפילט און פארלוירען א ביסעל פון זיין געלד, און ווי ס'האט געקלינגען צוועלף איז אלץ פארשוואונדען געווארען פון זיינע אויגען. ר'האט זיך אנידערגעלעגט און איז רוהיג אנטשלאפען געווארען. דעם אנדערן אין דער פריה איז אנגעקומען דער מלך אוז געוואלט אים אויספרעגען.

„ווי אזוי האט זיך דיר עפעס געפיהרט?" האט ער געפרעגט.

„כ'האב געשפּילט אין קעגעל", האט ער געענטפערט, „און אנגעוואוירען א פּאר גראשען", „האט דיך דערביי נישט געגרוילט?" — „איי וואס", האט ער געזאגט, „כ'האב מיך דערביי גוט פּארווײלט. וואלט איך נאר דערוואוסט זיך וואס גרוילען הייסט!"

אין דער דריטער נאכט האט ער זיך ווידער ארויפגעזעצט אויף זיין באנק און געזאגט גאנץ סמוטנע: „אוי ווען ס'וואלט מיך נאר געגרוילט!" ווי ס'איז שפּעט געווארען זענען געקומען צוגיין זעקס גרויסע מענער און געבראכט צו טראגען א טרומנע. האט ער זיך צעלאכט: „הא, הא, הא, דאס איז זיכער מיין געשוועסטערקינד, וואס איז ערשט פאר עטליכע טעג געשטארבען", צוגעוואונקען זיי מיטן פינגער און געגרופען: „קום, געשוועסטערקינד, קום!" ז'האבען די טרומנע אנידערגעשטעלט אויף דר'ערד, ער אבער איז צוגעגאנגען צום פייער און אראבגענומען דאס דעקעל: איז געלעגען אין איר א טויטער. ר'האט אים אנגעטאפּט דאס פּנים, ס'איז אבער געווען קאלט ווי אייז. „ווארט", האט ער געזאגט, „כ'וויל דיך א ביסעל אנווארעמען", צוגעגאנגען צום פייער אנגעווארעמט זיין [illegible] און אים ארויפגעלעגט אויפ'ן פּנים; אבער דער טויטער איז געבליבען קאלט. האט ער אים ארויסגענומען, געזעצט זיך און אים ארויפגעלעגט אויף זיין שויס און גענומען אים רייבען די הענד, כדי דאס בלוט זאל ווידער צו זיך קומען. און אז ס'האט דאס אויך נישט געהאלפען, איז אים איינגעפאלען: „אז צוויי ליגען אינאיינעם אין בעט, ווארעמען זיי זיך אן". האט ער אים אריינגעטראגען אין בעט אריין, אים צוגעדעקט און געלעגט זיך נעבען אים. א ווײלע שפּעטער איז אויך דער טויטער ווארעם געווארען און אנגעהויבען זיך ריהרען. האט זיך אנגערופען דאס יינגעל: „זעהסטו, געשוועסטערקינד, וואלט איך דיך נישט אנגעווארעמט!" דער טויטער אבער האט געעפענט זיין מויל און געזאגט: „איצט וויל איך דיך דערווארגען". „וואס, איז דאס דער דאנק? דו וועסט תיכף צוריק אין דיין טרומנע", ער האט אים אויפגעהויבן, אריינגעווארפען און צוגעמאכט די דעק; זענען אנגעקומען די זעקס מענער און זי צוריק אוועקגעטראגען.

„ס'וויל מיך נישט גרוילען", האט ער געזאגט, „כ'וועל עס דא מיין לעבטאג נישט אויסלערנען".

איז איינער געקומען צו גיין, וואס איז געווען גרעסער פון אלע אנדערע און האט מורא'דיג אויסגעזעהן; ער איז אבער געווען אלט און געהאט א לאנגע ווייסע בארד. „א דו מחוצף איינער", האט ער געזאגט, „איצט וועסטו באלד וויסען, וואס גרוילען הייסט. שטארבען וועסטו איצט". — „פּאמעליך מיט די פּעטע הענד", האט זיך אנגערופען דאס יינגעל, „אז אויב איך זאל שטארבען, טאר איך אויך דערביי נישט פעהלען". — „דיר וועל איך שוין בייקומען", האט געזאגט דאס אויפשיקעניש. — „פּאמעליך, פּאמעליך, אהן איילעניש; אזא גבור ווי דו בין איך אויך, אפשר נאך שטארקער". — „דאס וועט זיך שוין באווייזן", האט געזאגט דער אלטער, „ביזטו שטארקער פון מיר, וועל איך דיך אבלאזען; קום, לאמיר א פּרווו טאן".

האט ער אים געפירט דורך טונקעלע גענג צו דעם פייער פון א קוזנע, גענומען א האמער און אריינגעקלאפּט מיט איין האק דעם אמבאס אין דר'ערד אריין. „דאס קען איך נאך בעסער", האט דאס יינגעל געזאגט און איז צוגעגאנגען צום אנדערן אמבאס; דער אלטער האט זיך אנידערגעשטעלט דערנעבעז און געוואלט צוקוקען,

און ס'האט אראבגעהאנגען זיין ווייסע באָרד, האט דאס ייִנגעל געכאפט דעם האמער, געשפאלטען דעם אמבאס מיט איין האק און איינגעקלעמט דעם אלטענס באָרד. „איצט האב איך דיך", האט געזאגט דאס ייִנגעל, „איצט איז דיין טויט." דערנאך האט ער געכאפט אן אייזערנע שטאבע און גענומען שלאגען דעם אלטען, ביז ר'האט אנגעהויבען צו יאמערן, און צו בעטען, ער זאל אויפהערען, וועט ער אים געבען גרויסע אוצרות. דאס ייִנגעל האט דעם האמער ארויסגעצויגען און אים אבגעלאזט. דער אלטער האט אים צוריקגעפיהרט אין פאלאץ אריין און אים געוויזען אין א קעלער דריי קאסטענס פול מיט גאלד. „דערפון", האט ער געזאגט, „געהערט א טייל די ארימע־לייט, דאס אנדערע דעם קיניג, דאס דריטע דיר." דערווייל אבער האט א קלינג אויסגעטאן צוועלף און דער שד איז פארשוואונדען געווארען, אזוי אז דאס ייִנגעל איז געבליבען שטיין אין דער פינסטער. „כ'וועל מיר דאך קענען אן עצה געבען", האט ער ארומטאפענדיג געזאגט, געפינען דעם וועג אין זיין קאמער אריין און איז דארט ביי זיין פייער אנטשלאפען געווארען. צו מארגענס איז אנגעקומען דער מלך און האט צו אים אזוי געזאגט: „איצט וועסטו דיך האבען דערוואוסט, וואס גרוילען הייסט?" „ניין", האט ער געענפערט, „ווי אזוי זעהט עס אויס? געוועזען ביי מיר מיין טויט געשוועסטערקינד און ס'איז געקומען איינער מיט א באָרד, וואס האט מיר דארט הינטען געוויזען א סך געלד, אבער



וואס גרוילען הייסט, האט מיר קיינער נישט געזאגט." האט זיך אנגערופען דער מלך: „דו האסט אויסגעלייזט דעם פאלאץ און וועסט נעמען מיין טאכטער פאר א ווייב." — „דאס איז אלצדינג גאנץ וואויל און פיין", האט ער געענפערט, „אבער כ'ווייס נאך אלץ נישט, וואס גרוילען הייסט."

האט מען ארויפגעבראכט דאס גאלד און זיך משמח געוועזן ביי דער חתונה, אבער דער יונגער מלך, ווי ליב ער האט אויך געהאט זיין ווייב און ווי גאר ער האט זיך אויך געפרייט, האט אבער אלץ כסדר געזאגט: „וואלט מיך נאר געגרוילט, וואלט מיך נאר געגרוילט." דאס האט פארדראסען די מלכה. איר דינסטמיידעל האט זיך אנגערופען: „כ'קען אייך געבען אן עצה, ר'וועט זיך שוין דערוויסען, וואס גרוילען הייסט." זי איז ארויסגעגאנגען צום טייך, וואס האט געפלייצט דורכ'ן גארטען און געלאזט זיך ברענגען

א גאנצען צובער פול מיט קליינע פישעלעך. ביי נאכט, אז דער יונגער מלך איז אנטשלאפען געווארען, האט פון אים די מלכה געמוזט ארבנעמען דאס איבערבעט און אויס־שיטען איבער אים דעם איימער מיט קאלט וואסער און מיט די קליינע פישעלעך, אזוי אז זיי האבען ארום אים ארומגעצאפעלט. האט ער זיך אויפגעכאפט און גערופען: "אוי, וואס גרוילט מיך, וואס גרוילט מיך, טייער ווייב! יא, איצט ווייס איך, וואס גרוילען איז."

# דער וואלף און די זיבען יונגע ציקעלעך.

געווען א מאל אן אלטע ציג, וואס האט געהאט זיבען יונגע ציקעלעך. זי האט זיי ליב געהאט, ווי א מאמע אירע קינדער. האט זיך איינמאל געמאכט, אז זי האט געוואלט ארויסגיין אין וואלד אריין, כדי צו ברענגען שפייז. האט זי אלע זיבען צונויפגערופען און געזאגט: "ליבע קינדערלעך, כ'וויל אוועקגיין אין וואלד אריין, היט אייך פאר דעם וואלף! קומט ער אריין, וועט ער אייך אויפפרעסען מיט הויט און ביין. דער רשע האט זיך ליב צו פארשטעלען, אבער אן זיין הייזעריגען קול און אן זיינע שווארצע פיס וועט איר אים תיכף דערקענען." האבען זיך אנגערופען די ציקעלעך: "ליבע מוטער, מיר וועלען שוין אכטונג געבען, איר מעגט אוועקגיין אהן מורא." האט די אלטע געטאן א מעקע און געלאזט זיך אהן דאגה אין וועג אריין.

ס'האט נישט לאנג געדויערט, האט עמיצער געקלאפט אין דער טיר און גערופען: "מאכט אויף, ליבע קינדערלעך, אייער מאמעשע איז דא און האט יעדען פון אייך עפעס מיט־געבראכט." האבען אבער די ציקעלעך דערקענט אן דעם הייזעריגען קול, אז ס'איז דער וואלף, האבען זיי געזאגט, "מיר עפענען נישט, דו ביזט נישט אונזער מוטער, זי האט א גאר פיין ליבליך קול, אבער דיין קול איז הייזעריג; דו ביזט דער וואלף."

איז דער וואלף אוועקגעגאנגען צון א קרעמער און געקויפט זיך א גרויס שטיק קרייד. ר'האט עס אויפגעגעסען און דערמיט ווייך געמאכט זיין שטים. דערנאך איז ער צוריקגעקומען, געקלאפט אן דער טיר פונ'ם הויז און גערופען:

"מאכט אויף ליבע קינדערלעך, אייער מאמעשע איז דא און האט יעדען פון אייך עפעס מיטגעברענגט." האט אבער דער וואלף זיין שווארצע לאפע אויף דעם פענסטער ארויפגעלעגט, האבען דאס די קינדערלעך דערזעהן און געענפערט:

"מיר עפענען נישט, אונזער מוטער האט נישט אזא שווארצען פוס ווי דו: דו ביזט דער וואלף."

איז דער וואלף אנטלאפען צון א בעקער און האט צון אים אזוי געזאגט: "כ'האב מיר מיין פוס צוקלאפט, שמיר אים אן מיט טייג." און אז דער בעקער האט אים די לאפע מיט טייג אנגעשמירט, איז ער אנטלאפען צום מילנער און אים געזאגט: "שיט אן ווייס מעהל אויף מיין לאפע."

דער מילנער האט זיך געטראכט: דער וואלף וויל עמיצען אפנארען און האט נישט געוואלט, אבער דער וואלף האט געזאגט: "וועסטו עס נישט טאן, וועל איך דיך אויפ־פרעסען." האט דער מילנער זיך דערשראקען און אים ווייס געמאכט די לאפע. יא, אזוי זענען מענשען.

איז דער בייזער צום דריטענמאל אוועק צו דער טיר, האט געקלאפט און געזאגט:
„מאכט אויף קינדער, אייער ליב מוטערל איז אהיים געקומען און האט יעדן פון׳ם וואלד עפיס מיטגעברענגט.” האבען זיך אנגערופען די ציקעלעך: „ווייז אהער די לאפע, כדי מיר זאלען זיך דערוויסען, צי ביזטו אונזער ליב מוטערל.” האט ער אריינגעשטעקט די לאפע אין פענסטער אריין און ווי זיי האבען דערזעהן, אז זי איז ווייס, האבען זי געמיינט, אז ס׳איז אמת, וואס ער זאגט און געעפענט די טיר. ווער אבער איז אריינגעקומען? טאקע דער וואלף. זיי האבען זיך דערשראקען און געוואלט זיך באהאלטען. איינס א ארונטערגעשפרונגען אונטער דעם טיש, דאס צווייטע אין בעט אריין, דאס דריטע אין אויווען, דאס



פירטע אין דער קיך, דאס פיפטע אין קאסטען, דאס זעקסטע אינטער דער וואשיסעל, דאס זיבעטע אינ׳ם קאסטען פון׳ם וואנדזייגער. אבער דער וואלף האט זיי אלע פשניאפעט און נישט געמאכט קיין סך שהיות: איינס נאכ׳ן אנדערן האט ער פארשלונגען אין ׳׳ בויך אריין. נאר דאס יינגסטע אינ׳ם זייגערקאסטען, האט ער נישט געקענט געפונען. דערנאך ווי דער וואלף האט זיך גוט אפגעמוטשעט, איז ער אוועקגעגאנגען און זיך אנידערגעלעגט שלאפען, אין דרויסען אויף א גרינער לאנקע אונטער א בוים.

אויף באלד איז די אלטע ציג אהיים געקומען פון׳ם וואלד. וואס האט זי נעביך דערזעהן! שווארץ חושך! די הויזטיר איז געשטאנען ווייט אויפגעפראלעט, טיש און בענק צוווארפען, די וואשיסעל פיצ־פארעך, איבער־בעטען און קישענס אויף דר׳ערד. האט געזוכט אירע קינדער און אין ערגעץ נישט געקענט געפונען. גערופען זיי איינס ווי איינס ביים נאמען, אבער קיינער האט נישט געענפערט. פלוצים, ווי ז׳האט גערופען דאס יינגסטע, האט גע־ענפערט א דין קול׳כעל: „ליבע מוטער, כ׳בין אין זייגער־קאסטען.” האט זיך ארויסגע־נומען און ס׳האט איר דערצעלט, אז ס׳איז געקומען צו גיין דער וואלף ׳ האט אלע

אויפגעפרעסן, קענט איר אייך שוין משער זיין, ווי אזוי ז'האט געוויינט איבער אירע ארימע קינדערלעך!

דערנאך איז זי מיט א פארביטערט הארץ ארויסגעגאנגען, און דאס יינגסטע ציקעלע איז נאכגעלאפן. ווי זי איז געקומען צו דער לאנקע, איז זיך געלעגען דער וואלף אונטערן בוים און [illegible] געשנארכט, אז די צווייגען האבן אזש געציטערט. זי האט אים באטראכט [illegible] אלע זייטן און געזעהן, אז אין זיין פולען בויך ריהרט זיך עפעס און [illegible]כלט.

„גוטער גאט", האט זי געטראכט, „אפשר לעבן זיי נאך, מיינע ארימע קינדערלעך, וואס ער האט [illegible] אויפגעפרעסן צו דער וועטשערע?" האט דאס ציקעלע געמוזט אהיים לויפן און ברענגען א שער מיט א נאדעל און פאדעם. דערנאך האט זי דער חיה רעה אויפ־געשניטן די קעליעך און ווי זי האט נאר איין שניט געטאן, האט שוין איין ציקעלע דעם קאפ ארויסגעשטעקט, און ווי ז'האט ווייטער געשניטן, זענען אלע זעקס איינס נאכן צווייטן ארויסגעשפרונגען; אלע זענען נאך לעבעדיג געווען און ס'האט זיי גארניט געשאט, ווייל די בייזע חיה האט [illegible]מיט גרויס תאוה אינגאנצן אראפגעשלינגען. איז דאס געווען א שמחה! האבן זיי [illegible]ער ליבע מוטער געקושט און געהארצט און געטאנצט ווי א שניידערל. וואס האט ת[illegible] די אלטע אבער האט געזאגט: „איצט גייט און זוכט שטיינער, דערמיט ווי[illegible]ר חיה רעה אנפילען דעם בויך, ווי לאנג זי ליגט נאך און שלאפט." האבן



די זיב[illegible]קעלעך מיט גרויס איילעניש געבראכט צו טראגען די שטיינער און אים אנג[illegible]עם בויך, וויפיל ס'האט נאר געקענט אריין. האט אים די אלטע אין ד[illegible] צוגעניית, אזוי אז ער האט גארנישט געפיהלט און זיך אפילו נ[illegible]ט.

[illegible]רנאך, ווי דער וואלף האט זיך אויסגעשלאפן, האט ער זיך אויפגעהויבן, [illegible] שטיינער אין מאגען האבן אים געמאכט שטארק דארשטיג, האט ער געוואלט [illegible] ברונעם, זיך אנטרינקען. אז ער האט אבער אנגעהויבן צו גיין און צו [illegible]ד אהין און אהער, האבן די שטיינער אין בויך זיך גענומען קייקלען און [illegible]ן זיך איינער צו דעם צווייטן. האט ער גערופען:

„וואס כליאפעט און פליאפעט
ארום אין מיין בויך ?
געמיינט, ס׳זענען זעקס ציקעלעך שיין,
דערווייל איז עס לויטער שטיין.״

און ווי ער איז געקומען צום ברונעם און זיך געבוקט איבער׳ן וואסער און גע־וואלט טרינקען, האבען איבערגעוואזשעט די שווערע שטיינער און ר׳האט געמוזט דערטראנקען ווערען. ווי די זיבען ציקעלעך האבען דאס דערזעהען, זענען זיי געקומען צו לויפען און הויך געשריגען: „דער וואלף איז טויט! דער וואלף איז טויט!״ און זענען מיט זייער מוטער געגאנגען א קיילעכדיג׳ס ארום דעם ברונעם.

# דער געטרייער יאהאנעס.

געווען אמאל אן אלטער מלך. איז ער קראנק געווארען און זיך געטראכט: „כ׳ליג אויפ׳ן טויטען־בעט און וועל נישט קענען מער אויפשטיין.״ האט ער געזאגט: „רופט מיר דעם געטרייעם יאָהאַנעס.״ דער געטרייער יאָהאנעס איז געווען זיין ליבסטער קנעכט און מ׳האט אים דערפאר אזא נאמען געגעבען, ווייל ער האט אים כל ימיו טריי געדינט. איז ער צוגעקומען צום בעט, האט אים דער מלך אזוי געזאגט: „דו מיין געטרייעסטער יאָהאַנעס, כ׳פיהל, ס׳קומט מיין לעצטער טאג און כ׳האָב נאר איין זארג און דאס איז מיין זון: ער איז נאך יונג אין יארען, און ער וועט נישט תמיד וויסען, זיך צו געבען אן עצה און אז דו וועסט מיר נישט צוזאגען, צו לערנען אים אלץ, וואס ער באדארף צו וויסען און צו זיין זיין באַראָטער, טא וועל איך נישט קענען בשלום צומאכען די אויגען.״— האט אים געענפערט דער געטרייער יאהאנעס: „כ׳וועל אים נישט פארלאזען און אים דינען געטריי, מעג עס אויך קאסטען מיין לעבען.״ האט דער אלטער קיניג געזאָגט: „טא שטארב איך מיר לייכט און בשלום.״ און ווידער האט ער געזאגט: „נאך מיין טויט זאלסטו אים ווייזען דעם גאנצען פאלאץ, אלע קאמערן, סאַלען און קעלערס און אלע אוצרות וואס ליגען אין זיי: אָבער די לעצטע קאַמער אין דעם לאנגען גאנג זאלסטו אים נישט באווייזען דארטען ליגט פארבארגען דאס בילד פון דער בת־מלכה פון דעם גאלדענעם דאך. וועט ער דערזעהן דאס בילד, וועט אים אנכאפען א שטורמישע ליבע צו איר און ער וועט אנידערפאלען חלשות און וועט קומען דורך איר אין גרויסע סכנות; דערפון זאלסטו אים אבהיטען.״ און אז דער געטרייער יאָהאַנעס האט דעם אלטען מלך נאכאמאל געגעבען דערויף די האנד איז ער שטיל געווארען, אנידערגעלעגט זיין קאפ אויפ׳ן קישען און איז געשטארבען.

דערנאך ווי מ׳האט דעם אלטען מלך מקבר געווען, האט דער געטרייער יאהאַנעס דערצעלט דעם יונגען מלך, וואס ר׳האט זיין פאטער צוגעזאגט אויפ׳ן טויטענבעט און צון אים אזוי גערעדט: „דאס וויל איך זיכער אבהיטען, און דיר זיין געטריי, ווי כ׳בין אים געווען, מעג עס אפילו קאסטען מיין לעבען.״ נאכדעם ווי ס׳זענען אריבער שלשים, די דרייסיג טעג פון טרויער, האט צון אים דער געטרייער יאָהאנעס אזוי געזאגט: „ס׳איז איצט געקומען די צייט, אז דו זאלסט זעהן דיין אַרב און האָב: כ׳וויל דיר ווייזען דיין פאטערס פאלאץ.״ האט ער אים אומעטום ארומגעפירט, ארויף און אראב און אים געוויזען אלע אוצרות און די פראכטיגע קאמערן: נאר די איינע קאמער האט ער נישט געעפענט, וואו

ס׳איז געשטאַנען דאָס געפּערליכע בילד. דאָס בילד אָבער איז אַזוי געהאַנגען, אַז ווען מ׳האָט געעפענט די טיר, האָט מען פונקט געמוזט קוקן דערויף און ס׳איז געווען אַזוי קונציג געמאַכט, אַז מ׳האָט געמיינט, ס׳לייבט און ס׳איז לעבט און ס׳איז נישט פאַרהאַן קיין שענערס און ליפּליכערס אויף דער גאַנצער וועלט. דער יונגער מלך אָבער האָט גוט געזעהן, ווי דער גע־טרייער יאָהאַנעס מיידט אויס די איינע טיר אָון האָט זיך אָנגערופען: „פאַרוואָס עפענסטו קיינמאָל נישט די דאָזיגע?" „ס׳איז עפּעס דערין, פאַרוואָס דו וועסט דיך איבערשרעקן" האָט ער געענטפערט. אָבער דער מלך האָט צוריקגעענטפערט: „כ׳האָב דעם גאַנצן פּאַלאַץ געזעהן, אַזוי וויל איך אויך וויסען, וואָס דערינען איז;" האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן און געוואָלט די טיר מיט געוואַלט עפענען. האָט אים דער געטרייער יאָהאַנעס צוריקגעהאַלטען און צו אים אַזוי גערעדט: „כ׳האָב צוגעזאָגט דיין פאָטער פאַר׳ן טויט, אַז דו וועסט נישט זעהן, וואָס ס׳שטייט אין דער קאַמער: ס׳וואָלט פאַר אונז ביידע געווען אַ גרויס אומגליק."

„איי וואָס" האָט געענפערט דער יונגער מלך, „קום איך נישט אַריין, אַזוי איז דאָס מיין גרעסט אומגליק; כ׳וועל נישט האָבן קיין רוה ביי טאָג און ביי נאַכט, ביז מיינע אויגען וועלען עס נישט האָבען געזעהן. איצט ריהר איך מיך נישט פון׳ם אָרט, ביז דו וועסט נישט עפענען."

האָט דער געטרייער יאָהאַנעס געזעהן, אַז ר׳וועט גאָרנישט פּועל׳ען, האָט ער זיפצענ־דיג און מיט אַ צעבראָכען האַרץ גענומען אַרויסזוכען דעם שליסעל פון דעם גרויסען בונד. ווי ר׳האָט געעפענט די טיר, איז ער פאַראויס אַריינגעגאַנגען און געמיינט, אַז ער וועט קענען פאַרדעקען דאָס בילד, און אַז דער מלך וועט עס נישט פאַר אים דערזעהן: אָבער וואָס האָט דאָס געקענט העלפען? דער מלך האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די שפּיץ פינגער און אַריבער־געקוקט איבער זיין פּלייצע. און ווי ער האָט דערזעהן דאָס בילד פון דער יונגער פרוי, וואָס איז געווען אַזוי הערליך און געגלאַנצט פון גאָלד און פון אבנים טובות, איז ער אַנידערגעפאַ־לען חלשות צו דר׳ערד. דער געטרייער יאָהאַנעס האָט אים אויפגעהויבען, אים אַריינגע־טראָגען אין זיין בעט און געטראַכט פאַרדאַגה׳עט: „דאָס אומגליק איז געשעהן, גאָט גע־רעכטער, וואָס זאָל איך איצט טאָן!" דערנאָך האָט ער איהם געקוויקט מיט וויין, ביז ער איז ווידער צו זיך געקומען. דאָס ערשטע וואָרט, וואָס ר׳האָט אַרויסגערעדט, איז געווען: „אַך! ווער איז דאָס שיינע בילד?"

„דאָס איז די בת־מלכה פון׳ם גאָלדענעם דאַך" האָט געענפערט דער געטרייער יאָהאַנעס. האָט דער מלך ווייטער געזאָגט: „מיין ליבע צו איר איז אַזוי גרויס, אַז ווען אַלע בלעטער פון די ביימער וואָלטען צונגען געווען, וואָלטען זיי זי נישט געקענט אַרויסזאָגען; מיין לעבען וויל איך מקריב זיין, כדי כ׳זאָל זי דערגרייכען. דו ביזט מיין געטרייעסטער יאָהאַנעס, דו מוזט מיר ביישטיין."

דער געטרייער קנעכט האָט לאַנג נאָכגעקלערט, ווי אַזוי זיך צו נעמען דערצו, ווייל ער האָט עס אפילו געהאַלטען פאַר שווער נאָר פאַרצוטרעטען פאַר דער בת־מלכה. ענדליך האָט ער געפונען אַן עצה און געזאָגט צום מלך: „אַלץ, וואָס אַרום איר, איז פון גאָלד, טישען, בענק, שיסלען, בעכערס, זאַלץ־מעסטלעך און דאָס גאַנצע הויזגערעט: אין דיין אוצר ליגען פינף פעסער גאָלד, לאָז איינע פון די גאָלדשמידען פון דיין מדינה אויסאַרבייטען און מאַכען פון זיי כלערליי געפעסען און זאַכען, כלערליי פייגעל, הירשען און חידוש׳ליכע חיות. דאָס וועט איר געפעלען, דערמיט וועלען מיר אַוועק־

פארען און אויספרוּווען אונזער מזל.״ דער מלך האט געלאזט רופען אלע גאלדשמידען, זיי האבען געמוזט ארבייטען טאג און נאכט, ביז ס׳זענען פארטיג געווארען גאר פראכטיגע זאכען. און אז מ׳האט דאס אלץ אויפגעלאדען אויף א שיף, האט זיך דער געטרייער יאהאנעס פארשטעלט פאר א סוחר און דער מלך האט געטאן דאס נעמליכע, כדי מ׳זאל זיי נישט דערקענען. דערנאך זענען זיי געפארען איבערן ים און זענען געפארען אזוי לאנג, ביז זיי זענען געקומען צו דער שטאדט, וואו ס׳האט געוואוינט די בת ־מלכה פונ׳ם גאל־דענעם דאך.

דער געטרייער יאהאנעס האט דעם מלך געהייסען איבערבלייבען אויף דער שיף און ווארטען אויף אים. „אפשר״ האט ער געזאגט, „וועל איך מיטברענגען די בת־מלכה, דערפאר ראמט צו און מאכט אלץ גרייט און פיין, לאזט אויפשטעלען דאס גילדענע געפעס און באקראנצען די גאנצע שיף.״ דערויף האט ער אין זיין שירצעל אריינגעלעגט כלערליי גילדענע זאכען און געגאנגען גלייך צום קיניגליכען פאלאץ. ווי ער איז אריינגע־קומען אין הויף אריין, איז זיך געשטאנען ביים ברונעם א שיין מיידעל, וואס האט געהאל־טען אין דער האנד צוויי גאלדענע איימערס און געשעפט מיט זיי. און ווי ס׳האט דאס גלאנצעדיגע וואסער געוואלט אויעקטראגען און זיך אומגעדרעהט, האט עס דערזעהן דעם פרעמדען מאן און אים געפרעגט, ווער ער איז? האט ער געענפערט, „כ׳בין א סוחר״ געעפענט זיין שירצעל און זי געלאזט אריינקוקען. האט זי אויסגערופען: „ס׳ארא שיין גאלדווארג!״ אנידערגעשטעלט די איימערס און באטראכט איינס נאכ׳ן אנדערן. האט זיך אנגערופען דאס מיידעל: „דאס מוז זעהן די בת מלכה, זי פרייט זיך אזוי מיט גילדענע זאכען, אז זי וועט אלץ אבקויפען״ גענומען איהם ביי דער האנד און אים ארויפגעפירט, ווייל זי איז געווען די קאמער־יונגפרוי. ווי די בת מלכה האט די סחורה דערזעהן, האט זי זיך זעהר דערפרייט און געזאגט: „ס׳איז אזוי שיין אויסגעארבעט, אז כ׳וועל ביי דיר אלץ אפ־קויפען.״ אבער דער געטרייער יאהאנעס האט זיך אנגערופען: „כ׳בין נאר דער קנעכט פון א רייכען סוחר. וואס כ׳האב דא ביי מיר, איז נאך גארנישט קעגען דעם, וואס מיין האר האט אויף דער שיף, און דאס איז דאס קונציגסטע און שענסטע, וואס איז פאר אלע צייטען געווארען אויסגעארבעט אין גאלד.״ ז׳האט געוואלט, מ׳זאל איר אלץ ארויפברענגען, האט ער אבער געזאגט: „דערצו דארף מען אבער האבען א סך טעג, אזוי גרויס איז די צאהל, און אזויפיל זאלען, עס אויפצושטעלען, אז אייער הויז האט נישט גענוג פלאץ דערפאר.״ איז איר נייגיר און איר חשק אלץ גרעסער געווארען ביז ז׳האט זיך אנגערופען: „פיר מיך אהין צו דער שיף. כ׳וויל אליין אהין גיין און באטראכטען די אוצרות פון דיין האר.״

האט זי דער געטרייער יאהאנעס געפירט אהין צו דער שיף און איז געווען מלא שמחה, און אז דער מלך האט זי אנגעקוקט, און דערזעהן, אז איהר שיינקייט איז נאך גרעסער געווען, ווי דאס בילד האט זי אויסגעמאלען, האט ער געמיינט נישט אנדערש, נאר דאס הארץ וועט אים צושפרונגען ווערען. איז זי ארויפגעגאנגען אויף דער שיף און דער מלך האט זי אריינגעפירט; דער געטרייער יאהאנעס אבער איז איבערגעבליבען ביים שטייערמאן און די שיף געהייסען אבלאזען: „שפאנט אויף אלע זעגלען, אז זי זאל פליהען, ווי א פויגעל אין דער לופטען.״ דער מלך אבער האט איר געוויזען אינעווייניג דאס גילדענע געשיר, יעדעס באזונדער, די שיסלען, די בעכערס, די זאלצמעסטלעך, די פייגעל, די הערשען און די חידושליכע חיות. אסך שעה׳ן זענען פארגאנגען, ווען זי האט אלץ באטראכט און אין איר פרייד האט זי נישט באמערקט, אז די שיף איז אוועקגעפארען. דערנאך ווי ז׳האט באטראכט דאס לעצטע, האט

זי דעם סוחר געדאנקט און געוואלט אהיים געהן; ווי זי איז אבער געקומען אויף דער דעק פון דער שיף, האט זי דערזעהן, אז זי איז ווייט פון דער יבשה און די שיף לויפט מיט גע־שפאנטע זעגלען אויף דעם ווייטען ים. „ווי איז צו מיר" האט זי גערופען דערשראקען, „מ'האט מיך אבגענארט, מ'האט מיך פארפירט און כ'בין אין די הענד פון א סוחר אריינגעפאלען; בעסער וואלט איך געשטארבען!" דער מלך אבער האט זי אנגענומען ביי דער האנד און געזאגט: „קיין סוחר בין איך נישט, כ'בין א מלך, און פון געבוירענהייט נישט קלענער פון דיר; אבער דאס, וואס כ'האב דיך פארפירט מיט אן אויסרייד, איז נאר געשעהן פאר צו גרויסער ליבשאפט. דאס ערשטע מאל, ווען כ'האב דערזעהן דיין צורה, בין איך געפאלען חלשות." און אז די בת־מלכה פונ'ם גילדענעם דאך האט דאס דערהערט, האט זי זיך געטרייסט, און ער האט געפונען חן אין אירע אויגען, אזוי אז זי האט גערן מסכים געווען צו ווערען זיין ווייב.

ס'האט זיך אבער צוגעטראגען אין מיטען ים, אז דער געטרייער יאָהאַנעס, זיצענדיג פון פארענט אויף דער שיף און שפילענדיג זיך א לידעל, האט דערזעהן אין די לופטען דריי ראבען, וואס זענען אנגעקומען צו פליהען. האט ער אויפגעהערט צו שפילען און זיך איינגע־הערט, וואס זיי רעדען צווישען זיך, ווייל ער האט דאס גוט פארשטאנען. איינע האט געזאגט: „זעה נאר, אט פיהרט ער די בת־מלכה פונ'ם גילדענעם דאך." „יא" האט די צווייטע גע־ענטפערט, „אבער ר'האט זי נאך נישט." האט געזאגט די דריטע: „ר'האט זי דאך, זי זיצט ביי אים אין דער שיף." האט די ערשטע ווידער אנגעהויבען און געזאגט: „וואס וועט עס אים העלפען! וועט זי קומען אויף דער יבשה, וועט אים אקעגענשפרינגען א פוקסרויט פערד; וועט ער זיך וועלען אויפכאפען און אז ר'וועט עס טאן, וועט עס מיט אים אוועק אין די לופטען אזוי, אז ער וועט זיין יונגפרוי קיינמאל נישט ווידערזעהן."

האט געזאגט די צווייטע: „איז קיין הילף נישט פאראן?" — „יא, אז ס'וועט אן אנדערער זיך גיך ארויפכאפען, די ביקס ארויסנעמען, וואס שטעקט אין זאטעל, און דערמיט דאס פערד דערשיסען, וועט דער יונגער מלך ניצול ווערען. אבער ווער ווייסט עס! און ווער ס'ווייסט דערפון און וועט אים דאס זאגען, דער וועט ווערען פארשטיינערט פון די פיס ביז צו די קניעס." האט זיך אנגערופען די צווייטע: „כ'ווייס נאך מער, וועט דאס פערד אויך ווערען געטויט, וועט זי דאך נישט ווערען דעם יונגען מלך'ס כלה; אז זיי וועלען קומען אין פאלאץ אריין, וועט דארט ליגען אין א שיסעל א פארטיג חופה־העמד און וועט אויסזעהן, ווי ווען ס'וואלט געווען געוועבט פון גאלד און זילבער, ס'איז אבער נישט אנדערש ווי שוועבעל און פעך; וועט ער עס אנטאן, פארברענט עס אים מיט הויט און ביין." האט זיך אנגערופען די דריטע: „איז דען גאר קיין הילף נישטא?" „יא", האט געענטפערט די צווייטע, „וועט איינער מיט הענטשקעס דאס העמד אנכאפען און עס אריינווארפען אין פייער אריין, אז ס'זאל פארברענט ווערען, טא וועט דער יונגער מלך ניצול ווערען. אבער וואס קען דאס גאר העלפען! ווער ס'ווייסט דערפון און וועט עס אים זאגען, דער וועט פארשטיינערט אויפ'ן האלבען גוף, פון די קניעס ביז צום הארץ." האט זיך אנגערופען די דריטע: „איך ווייס נאך מער, וועט דאס חופה־העמד אפילו פארברענט ווערען, וועט דער יונגער מלך דאך נישט באקומען זיין כלה; ווען ס'וועט נאך דער חופה זיך אנהויבען דער טאנץ און די יונגע מלכה וועט נעמען טאנצען, וועט די יונגע מלכה פלוצים בלייך ווערען און אנידערפאלען ווי טויט און אז ס'וועט זי נישט איינער אויפהויבען און ארויסזויגען פון איר רעכטער ברוסט דריי טראפענס בלוט און זיי

ווידער אויסשפּייען, אַזוי ווועט זי שטאַרבען. ווועט עס אָבער עמיצער, וואָס ווייסט דערפון, אויסזאָגען, וועט ער אינגאַנצען פאַרשטיינערט ווערען פונם קאָפּ ביז צו די פיס." דערנאָך ווי די דריי ראַבען האָבען צו זיך אַזוי גערעדט, זענען זיי אַוועקגעפלויגען און דער געטרייער יאָהאַנעס האָט דאָס אַלץ גוט פאַרשטאַנען, אָבער פון דעמאָלט אָן איז ער געווען שטיל און טרויריג; ווייל, ווועט ער דאָס פאַר זיין האַר פאַרשווייגען, ווועט יענער זיין אומגליקליך, ווועט ער עס פאַר אים אַנטפּלעקען, וואָלט ער אַליין געמוזט זיין לעבען מקריב זיין. ענדליך אָבער האָט ער צו זיך אַ זאָג געטאָן: „מיין האַר וויל איך מציל זיין, מעג עס אַפילו קאָסטען מיין לעבען."

געקומען אויף דער יבשה, האָט זיך צוגעטראָגען, ווי אַזוי די ראָב האָט נביאות געזאָגט און געקומען צו לויפען איז אַ פּראַכטיג, פוסקרויט פערד. „ברענגט עס אַהער", האָט געזאָגט דער מלך, „אויף איהם וויל איך רייטען אין מיין פּאַלאַץ אַריין", און געהאַלט זיך אויפזעצען; דאָך דער געטרייער יאָהאַנעס האָט עס נישט דערלאָזט, זיך גיך אַרויפ־געכאַפּט, אַרויסגעצויגען די ביקס פונם זאָטעל, און דערשאָסען דאָס פערד. האָבען געזאָגט די איבעריגע קנעכט פונם מלך, וואָס האָבען יאָהאַנעס'ן נישט געקענט ליידען: „ווי שענדליך ס'איז צו טויטען דאָס שיינע פערד, וואָס האָט דעם מלך געזאָלט ברענגען אין זיין פּאַלאַץ אַריין!" אָבער דער מלך האָט זיך אָנגערופען: „שווייגט שטיל, ס'איז מיין געטרייסטער יאָהאַנעס, ווער ווייסט, צו וואָס דאָס קען נוצען." זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין פּאַלאַץ אַריין, איז געשטאַנען אין זאַל אַ שיסעל און דערין איז געלעגען דאָס פאַרטיגע חופה־העמד און האָט נישט אַנדערש אויסגעזעהן, נאָר ווי פון גאָלד און זילבער. איז דער יונגער מלך צוגעגאַנגען און עס געוואָלט נעמען, אָבער דער געטרייער יאָהאַנעס האָט עס נישט דערלאָזט, אָנגענומען עס מיט די הענטשקעס און צוגעטראָגען צום פייער און עס געלאָזט פאַרברענען. אָבער דער יונגער מלך האָט זיך אָנגערופען: „ווער ווייסט, צו וואָס דאָס קען נוצען; לאָזט אים, ער איז מיין געטרייסטער יאָהאַנעס." איז געקומען די חתונה. דער טאַנץ האָט זיך אָנגעהויבען און די כלה האָט מיטגעטאַנצט, האָט דער געטרייער יאָהאַנעס גוט אַכטונג געגעבען און געקוקט איר אין פּנים אַריין; אויף איינמאַל איז זי פאַר־בלייכט געוואָרען און איז ווי טויט אַנידערגעפאַלען. האָט ער אין דער גיך געגעבען אַ שפּרונג צו, זי אויפגעהויבען און זיי אַריינגעטראָגען אין אַ חדר; דאָרט האָט ער זי אַנידערגעלעגט, געשטעלט זיך אויף די קניעס און אויסגעזויגען די דריי טראָפּענס בלוט פון איר רעכטער ברוסט און זי ווידער אויסגעשפּיגען. איז זי תיכף צו זיך געקומען און אָנגעהויבען צו אָטעמען, אָבער דער יונגער מלך האָט צוגעזעהן און נישט געוואוסט פאַר וואָס דער געטרייער יאָהאַנעס טוט דאָס, איז ער געקומען אין כּעס און האָט געזאָגט: „וואַרפט אים אַריין אין דער תּפיסה." דעם אַנדערען מאָרגען איז דער געטרייער יאָהאַנעס פאַרמשפּט געוואָרען און מ'האָט אים געפיהרט צו דער תּליה און ווי ער איז געשטאַנען אויבען און געזאָלט ווערען געהענגט, האָט ער זיך אָנגערופען: „יעדער וואָס ווערט פאַרמשפּט, מעג פאַר זיין טויט נאָך רעדען אַ פּאָר ווערטער, מעג איך מיר אויך נעמען דעם רשות?" — „יאָ", האָט דער מלך געענפערט, „ס'זאָל דיר באַוויליגט ווערען." האָט דער געטרייער יאָהאַנעס אַזוי געזאָגט: „מ'האָט מיך מיט אומרעכט פאַרמשפּט, כ'בין דיר תּמיד געווען טריי", און אים דערצעלט, ווי אַזוי ער האָט צוגעהערט אויפן ים, וואָס די דריי ראָבען האָבען גערעדט צווישען זיך, און אַז ער האָט דאָס אַלץ געמוזט טאָן, כּדי זיין האַר זאָל ניצול ווערען. האָט דער מלך זיך אָנגערופען: „אַ דו מיין געטרייסטער

יאהאנעס, טו א חסד מיט מיר! נעמט אים אראב!" אבער דער געטרייער יאהאנעס, איז ביי דעם לעצטען ווארט, ווי א מת אנידערגעפאלען און איז פארשטיינערט געווארען.

האבען דער מלך און די מלכה געהאט גרויס עגמת נפש און דער מלך האט אזוי געזאגט, „ווי איז צו מיר ווי שלעכט באלוינט האב איך די גרויסע געטרייעשאפט!" און געלאזט אויפהויבען דאס שטיינערנע בילד און שטעלען עס אין זיין שלאף־חדר נעבען זיין בעט. און ווען ער האט עס אנגעקוקט, האט ער געוויינט און געזאגט: „אך, וואלט איך דיך ווידער געקענט לעבעדיג מאכען, מיין געטרייעסטער יאהאנעס." אוועקגעגאנגען א צייט, האט די מלכה געבוירען א צווילינג, צוויי יינגעלעך, זיי זענען אויפגעוואקסען און געווען זייער גאנצע פרייד. איינמאל אז די מלכה איז געווען אין קלויסטער, און די צוויי קינדער זענען געזעסען ביי זייער פאטער און האבען זיך געשפילט, האט ער ווידער פול טרויער אנגעקוקט דאס שטיינערנע בילד, א זיפץ געטון און געזאגט: „יא, אך וואלט איך דיך ווידער געקענט לעבעדיג מאכען דו מיין געטרייעסטער יאהאנעס." האט דער שטיין אנגעהויבען צו רעדען און אזוי געזאגט: „דו קענסט מיך ווידער לעבעדיג מאכען, אז דו וועסט דיין ליבסטעס אוועקגעבען דערפאר." האט זיך אנגערופען דער מלך: „אלץ, וואס כ'האב אויף דער וועלט, וויל איך פון דיינעט־וועגען מקריב זיין." האט דער שטיין ווייטער געזאגט: „אז דו וועסט מיט דיין אייגענער האנד דיינע ביידע קינדער דעם קאפ אפהאקען און באשמירען מיך מיט זייער בלוט, וועל איך ווידער לעבעדיג ווערען." דער מלך האט זיך דערשראקען, ווי ער האט דערהערט, אז ער זאל זיינע ליבסטע קינדער אליין דערהרג'ענען. האט ער זיך אבער דערמאנט אן דער גרויסער געטריישאפט און אז דער געטרייער יאהאנעס איז דורך אים געשטארבען, טא האט ער ארויסגעצויגען זיין שווערד און מיט זיין אייגענער האנד אפגעהאקט די קינדער דעם קאפ. און ווי ר'האט מיט זייער בלוט באשמירט דעם שטיין, איז ער ווידער לעבעדיג געווארען און דער געטרייער יאהאנעס איז געשטאנען פאר אים פריש און געזונד, און ער האט זיך אנגערופען צום מלך: „דיין געטריישאפט זאל ווערען פארגאלטען", גענומען די קעפ פון די קינדער און זיי ווידער ארויפגעטון און די וואונד באשמירט מיט זייער אייגען בלוט. דערפון זענען די קינדער תיכף געזונד געווארען, ארומגעשפרונגען און זיך ווייטער געשפילט, גלייך ס'וואלט גארנישט געווען געשעהן. איז דער מלך געווען מלא שמחה און ווי ער האט געזעהן קומען די מלכה, האט ער באהאלטען דעם געטרייעם יאהאנעס און די ביידע קינדער אין א גרויסען קאסטען. אז זי איז אריינגעקומען האט ער צו איר געזאגט: „האסטו צו גאט געבעטען אין קלויסטער"? „יא האט זי געענפערט, „אבער כ'האב כסדר געמוזט טראכטען אן דעם געטרייעם יאהאנעס, וואס ער איז דורך אונז אזוי אומגליקליך געווארען." האט ער זיך אנגערופען: „מיין ווייב, מיר קענען אים ווידער לעבעדיג מאכען, אבער דאס וועט אונז קאסטען אונזערע ביידע קינדער, מיר מוזען זיי מקריב זיין." די מלכה איז בלייך געווארען און האט זיך אין איר הארץ זעהר דערשראקען, דאך האט זי זיך אנגערופען: „דאס איז אונזער חוב צון אים פאר זיין גרויסער געטריישאפט." האט ער זיך זעהר דערפרייט, וואס זי האט אזוי ווי ער געטראכט, איז צוגעגאנגען און געעפענט דעם קאסטען, ארויסגענומען די קינדער און דעם געטרייעם יאהאנעס און געזאגט: „געלויבט איז גאט, ער איז דערלייזט און אונזערע קינדער האבען מיר אויך צוריקבאקומען", און איר דערצעהלט ווי אלץ האט זיך צוגעטראגען. האבען זיי געלעבט אינאיינעם בשלום ושלוה ביז אין זייער טויט אריין.

# די צוועלף ברידער.

געווען א מאל א מלך און א מלכה, האבען זיי געלעבט אין נחת און געהאט צוועלף קינדער, זענען עס אבער געווען לויטער יינגלעך. האט דער מלך געזאגט צו זיין ווייב: „אז דאס דרייצעהנטע קינד, וואס דו וועסט אויסטראגען, וועט זיין א מיידעל, וועלען די צוועלף יינגלעך מוזען שטארבען, כדי איר עשירות זאל ווערן גרויס און די מלוכה זאל געהערען איר אליין.“ האט ער אויך געלאזט מאכען צוועלף טרומנעס, און זיי אנגעפילט מיט היבלינקעס, און אין יעדען איז געלעגן דאס טויטענקישעלע. האָט ער זיי געלאזט אריינטראגען אין א פארשלאסען חדר, און האָט דערנאך דער מלכה איבערגעגעבען דעם שליסעל און אָנגעזאגט, אז זי זאל דאס קיינעם נישט אויסזאגען.

די מוטער אבער איז געזעסען דעם גאנצען טאג און האט געטרויערט, אזוי אז דער קלענסטער זון, וואס איז תמיד ביי איר געזעסען און וועמען זי האט נאכ'ן חומש געגעבען דעם נאמען בנימין, האט צון איר געזאגט: „ליבע מוטער, פארוואס ביזטו אזוי טרויריג?“ „ליב קינד מיינס“ האט זי זיך אנגערופען, „כ'טאר עס דיר נישט זאגען.“ האט ער זי אבער נישט געלאזט צורוה, ביז זי איז געגאנגען און האט אויפגעשלאסען די שטוב און אים געוויזען די צוועלף טרומנעס, וואס זענען שוין געווען אנגעפילט מיט היבלינקעס. דערנאך האט זי געזאגט: „מיין ליבסטער בנימין די דאזיגע טרומנעס האט געלאזט מאכען דיין פאטער פאר דיר און דיינע עלף ברידער, ווייל ווען כ'וועל געבוירען א מיידעל, אזוי וועט איר ווערן אלע אינאיינעם געהרג'עט, און אין זיי באגראבען.“ און אז זי האט זיך צוויינט, האט זי איר זון געטרייסט און איר אזוי געזאגט: „וויין נישט ליבע מאמע, מיר וועלען זיך שוין געבען א'ן עצה, און אוועקגיין.“ זי אבער האט זיך אנגערופען: „גיי מיט דיינע עלף ברידער ארויס אין וואלד אריין, און איינער זאל זיך תמיד ארויפזעצען אויפ'ן העכסטען בוים, וואס געפינט זיך דארט, און האלטען וואך און קוקען אויפ'ן טורעם פונ'ם פאלאץ. וועל איך געווינען א יינגעלע, וועל איך ארויסהענגען א ווייסע פאהן און איר וועט מעגען צוריקקומען; וועל איך געווינען א מיידאלע, וועל איך ארויסהענגען א רויטע פאהן, און דאמאלט זאלט איר אנטלויפען ווי ווייט איר קענט און דער גרויסער גאט וועט אייך מוזען באהיטען. יעדע נאכט וועל איך אויפשטיין און פאר אייך תפלה טון, אין ווינטער, אז איר זאלט האבען א פייער, וואו זיך צו ווארעמען, אין זומער, אז איר זאלט פאר היץ נישט פארשמאכט ווערען.“

דערנאך, ווי זי האט זיך אזוי געזעגענט, זענען זיי ארויסגעגאנגען אין וואלד אריין. איינער נאכ'ן אנדערן זענען זיי געשטאנען אויף דער וואך, געזעסען אויף דער העכסטער דעמבע און געקוקט אויף דעם טורם. ווי ס'זענען אריבער עלף טעג און ס'איז געפאלען אויף בנימין'ען, האט ער דערזעהן, ווי ס'ווערט ארויסגעהענגט א פאהן; ס'איז אבער נישט געווען קיין ווייסע, נאר די רויטע בלוט-פאהן, וואס האט צו וויסען געטון, אז זיי מוזען אלע שטארבען. האבען די ברידער דאס דערהערט, זענען זיי געווארען מלא כעס און געזאגט: „מיר זאלען וועגען א מיידעל געהן אין ד'רערד אריין! מיר שווערען נקמה: וואו מיר וועלען טרעפען א מיידעל, זאל פארגאסען ווערען איר רויט בלוט.“

דערנאך זענען זיי אריינגעגאנגען טיפער אין וואלד אריין, און אין דער מיט-

וואו ס'איז געווען גאר טונקעל, האבען זיי געפונען א קליין פארשאלטען הייזעלע, וואס איז געשטאנען ליידיג. האבען זיי געזאגט: „דא וועלען מיר זיך באזעצען, און דו, בנימין, דו ביזט דער יינגסטער און שוואכסטער, דו וועסט בלייבען אינדערהיים און בעל־הבת'עווען, מיר אנדערע וועלען זיך אוועקלאזען און זוכען שפייז.” זענען זיי ארויס אין וואלד אריין, געשאסען הָאזען, ווילדע סערנעס, פייגעל און טייבעלעך און וואס ס'איז גוט געווען צום עסען. דאס אלץ האבען זיי געבראכט בנימינ'ען, וואס האט אלצדינג צוגעגרייט, אז זיי זאלען זיך קענען אונטערלעהגען דאס הארץ. אין דעם דאזיגען הייזעל זיי געלעבט אינאיינעם צעהן יאר און האבען זיך גוט משמח געווען.

דאס טעכטערל, וואס זייער מוטער, די מלכּה האט געווינען, איז שוין גרויס געווארען, געווען א גוטע בלב און א יפת תּואר און געהאט אויפ'ן קאפ א גילדענעם שטערן. איינמאל איז געווען צו וואשען גרויס גרייט, האט עס דערזעהן צוועלף מאנסביל'שע העמדער און געפרעגט איר מאמע: „וועמענס זענען די דאזיגע צוועלף העמדער, פאר'ן טאטען זענען זיי דאך צו קליין?” האט די מוטער געענפערט מיט א שווער הארץ: „ליב קינד, זיי זענען פאר דיינע צוועלף ברידער.” האט זיך אגגערופען דאס מיידאלע: „וואו זענען מיינע צוועלף ברידער, כ'האב פון זיי נאך קיינמאל נישט געהערט?” — האט געענפערט די מוטער: „גאט ווייסט וואו זיי זענען: זיי וואגלען ערגיץ ארום אין דער וועלט.” האט זי אנגענומען דאס מיידאלע און אים אויפגעשלאסען דאס שטיבעל און אים געוויזען די צוועלף טרומנעס מיט די היבלינקעס און די טויטענקישעלעך. „די דאזיגע טרומנעס,” האט זי געזאגט, „זענען געווען אנגעגרייט פאר דיינע ברידער, אבער זיי זענען אין דער שטיל אוועק, איידער דו ביסט געבוירען געווארען,” און דערצעהלט איר ווי אזוי אלץ האט זיך צוגעטראגען. — האט דאס מיידאלע געזאגט: „וויין נישט ליבע מאַמע, כ'וויל מיך אוועקלאזען און זוכען מיינע ברידער.”

האט עס גענומען די צוועלף העמדער און איז אוועקגעגאנגען גלייך אין דעם גרויסען וואלד אריין. געגאנגען און געגאנגען א גאנצען טאג און אנגעקומען פארנאכט צום פארשאלטענעם הייזעל. איז עס אריינגעקומען און געפונען א יונג יינגעלע, וואס האט פארחידושט זיך איבער איר גרויס שיינקייט, איבער די קיניגליכע מלבושים, וואס זי איז געווען אנגעטון און איבער דעם שטערן אויף איר קאפ — האט ער זי געפרעגט: „פון וואנען קומסטו און וואוהין ווילסטו געהן?” האט זי געענפערט, „כ'בין א בת־מלכּה און זוך מיינע צוועלף ברידער און וויל זוכען ווי גרויס די וועלט איז, ביז כ'וועל זיי געפינען.” — זי האט אים אויך געוויזען זייערע צוועלף העמדער, האט בנימין זיך דערוואוסט, אז ס'איז זיין שוועסטער און אזוי געזאגט: „איך בין בנימין, דיין יינגסטער ברודער.” האט זי אנגעהויבען וויינען פאר פרייד און בנימין האט אויך געוויינט און זיי האבען זיך געקושט און געהארצט אין גרויס ליבשאפט. דערנאך האט ער געזאגט: „ליבע שוועסטער ס'איז נאך פארהאן איין מניעה, מיר האבען אבגעשמוסט, אז מיר מוזען הרג'ענען א יעדעס מיידעל, וואס מיר וועלען באגעגענען, ווייל מיר האבען דורך א מעדעל געמוזט פארלאזען אונזער מדינה.” האט זי געענפערט: „כ'וויל גערן שטארבען, ווען איך דערמיט נאר געקענט אויסלייזען מיינע צוועלף ברידער.” „ניין,” האט ער געענפערט, „דו וועסט נישט שטארבען, זעץ דיך ארונטער אונטער דעם פאס, ביז די עלף ברידער וועלען קומען, דערנאך וועל איך מיט זיי שוין פארטיג ווערען.”

האט זי געטון, ווי ער האט געהייסען; און ווי ס'איז נאכט געווארען זענען די אנדערע געקומען פונ'ם געיעג און די מאהלצייט איז געווען גרייט. זענען זיי געזעסען ביים טיש און געגעסען, האבען זיי א פרעג געטון: „וואס הערט זיך נייעס?" — האט בנימין געזאגט: „ווייסט איר גארנישט?" „ניין", האבען זיי געענפערט. האט ער ווייטער געזאגט: „איר זענט געווען אין וואלד און איך בין געבליבען אינדערהיים און ווייס דאך מער פון אייך." — „טא, דערצעהל אונז", האבען זיי זיך אנגערופען. האט ער געענפערט: „וועט איהר מיר אויך צוזאגען, אז דאס ערשטע מיידעל, וואס מיר באגעגענען, וועט נישט געהרג'עט ווערען?" „יא", האבען זיי אלע געזאגט, „מיט איר וועלען מיר טון א חסד, טא דערצעהל אונז." — האט ער געזאגט: „אונזער שוועסטער איז דא" און האט אויפגעהויבען דאס פאס. איז אפירגעקומען די בת־מלכה אין אירע קיניגליכע מלבושים, מיט דעם גאלדענעם שטערן אויפ'ן קאפ און זי איז געווען גאר שיין און מלא חן. האבען זיי זיך אלע געפרייט, געהאלזט זי און געקושט און זי פון הארצען ליב געהאַט.

איצט איז זי איבערגעבליבען מיט בנימין'ען אין דער היים און צוגעהאלפען צו דער ארבייט. די דאזיגע עלף האבען זיך ארומגעלאזט אין וואלד ארויין, געכאפט חיות און עופות, סערנעס און טייבעלעך, אז זיי זאלען האבען וואס צו עסען און די שוועסטער און בנימין האבען אלץ געקאכט און פארטיג געמאכט. זי האט געזוכט שפענער צו דער קיך און די קרייטעכצער צום צומעס און געשטעלט די טעפ צום פייער, אזוי אז די מאהלצייט איז תמיד פארטיג געווען, ווען די עלף זענען צוריקגעקומען. זי האט אויך כסדר צוגערוימט אין הייזעל און אויסגעבעט די בעטלעך גאר ווייס און ריין, די ברידער זענען תמיד געווען צופרידען און געלעבט מיט איר אין גרויס אחדות.

איינמאל האבען ביידע אינדערהיים צוגעריכט א גוט געקעכץ, זענען זיי אלע געזעסען, געגעסען און געטרונקען און געווען מלא שמחה. איז אבער געווען ביי דעם פארשאלטענעם הייזעל א קליין גערטיל, וואו ס'זענען געשטאנען צוועלף ליליעס: האט זי געוואלט אירע ברידער א תענוג אנטון, אבגעבראכען די צוועלף בלומען און געוואלט יעדען איינע נאכ'ן עסען א געשאנק מאכען. ווי אבער זי האט אבגעבראכען די בלומען, אין דערזעלביגער מינוט זענען די צוועלף ברידער פארכישופט געווארען אין צוועלף ראבען און זענען אוועקגעפלויגען העט ווייט, איבער'ן וואלד אריבער און דאס הויז מיט'ן גארטען איז אויך פארשוואונדען געווארען. איז נעביך דאס ארימע מיידאלע געבליבען אליין אין דעם ווילדען וואלד, און ווי זי האט זיך אומגע־קוקט, איז געשטאנען פאר איר אנ'אלטע פרוי און געזאגט: „מיין קינד, וואס האסטו געטון? פארוואס האסטו נישט געלאזט שטיין די צוועלף בלומען? דאס זענען געווען דיינע ברידער, זיי זענען איצט אויף אייביג פארכישופט געווארען אין ראבען!" האט זיך דאס מיידאלע אנגערופען וויינענדיג: „איז דען קיין עצה נישטאָ זיי אויס־צולייזען?" „ניין", האט די אלטע געענפערט, „ס'איז נאר פאראן איין איינציגע אויף דער גאנצער וועלט, אבער זי איז אזוי שווער, אז דו וועסט זיי דערמיט נישט באפרייען, ווייל דו וועסט מוזען זיבען יאהר שטום זיין, נישט טארען רעדען און לאכען און אז דו וועסט שמועסען איין איינציג ווארט און ס'וועט נאך פעלען א שעה צו די זיבען יאהר, טא וועט אלץ זיין פארפאלען און דיינע ברידער וועלען דורך דעם איינעם ווארט געהרג'עט ווערען."

האט זיך דאס מיידאלע אין זיין הארץ בּאראטען: „כ׳ווייס זיכער, אז כ׳וועל מיינע בּרידער אויסלייזען״. און איז געגאנגען און האט ארויסגעזוכט א הויכען בּוים, זיך ארויפגעזעצט און געשפּונען און נישט גערעדט און נישט געלאכט. האט זיך איינמאל געמאכט, אז א מלך איז געגאנגען אין וואלד אהין אויף געיעג, האט ער געהאט א גרויסען הונד, איז ער צוגעלאפען צום בּוים, וואו דאס מיידעל איז געזעסען, ארומגעשפּרונגען און ארויפגעבּילט. איז געקומען צו גיין דער מלך און האט געזעהן די שיינע בּת־מלכּה מיט׳ן גאלדענעם שטערן אויפן קאפּ, איז ער געווען אזוי פארחידושט איבּער איר שיינקייט, אז ער האט זי געפרעגט, צי זי וויל נישט ווערען זיין פרוי. האט זי נישט געענפערט, אבּער א ביסעל א שאקעל געטון מיט׳ן קאפּ. איז ער אליין ארויפגעקראכען אויפן בּוים און האט זי אראבּגענומען, זי ארויפגעזעצט אויף זיין פערד און איז מיט איר אהיימגעריטען. האט מען די חתונה אבּגעפּירט מיט גרויס פּראכט און פרייד; אבּער די כּלה האט נישט גערעדט און נישט געלאכט. און אז זיי האבּען אזוי געלעבּט אינאיינעם מיט גרויס נחת, האט די מוטער פון׳ם מלך, וואס איז געווען א גרויסע מרשעת, גענומען רעדען לשון־הרע אויף דער יונגער מלכּה און געזאגט צום מלך: „דו האסט דיר מיטגעבּראכט א פּראסטע בּעטלערין, ווער ווייסט, וואס פאַרא מעשים זי טוט אין דער שטיל. איז זי שטום און קען נישט רעדען, טא וואלט זי דאך געקענט אמאל א לאך טון, אבּער ווער ס׳לאכט נישט, דער האט א שלעכט געוויסען.״ דער מלך האט קודם נישט געוואלט גלויבּען דערין, אבּער די אלטע האט אזוי לאנג געארבּעט און נאכגעזאגט אזויפיל שלעכטס, אז דער מלך האט זיך צום סוף געלאזט איבּעררעדען און זי פארמשפּט צום טויט.

האט מען אנגעצונדען אין הויף א גרויס פייער, און זי געזאלט פארבּרענען; און דער מלך איז געשטאנען אויבּען בּיים פענסטער און האט מיט טרערען אין די אויגען צוגעקוקט, ווייל ער האט זי נאך אלץ ליבּגעהאט. און אז זי איז שוין געשטאנען צוגעבּונדען צו דער תּליה און דאס פייער האט מיט רויטע צונגען געלעקט אירע קליידער, איז גראד די לעצטע מינוט פון די זיבּען יאהר פארגאנגען. האט זיך געלאזט הערען אין די לופטען א געפּאכעריי, און ס׳זענען געקומען צו פליהען צוועלף ראבּען און האבּען זיך אראבּגעלאזט אויף דר׳ערד. און ווי זיי האבּען די ערד בּאריהרט, זענען עס געווען אירע צוועלף בּרידער, וואס זי האט זיי אויסגעלייזט. האבּען זיי צוואַרפען דאס פייער, אויסגעלעשט די פלאמען און בּאפרייט זייער ליבּע שוועסטער און געקושט זי און געהארצט. איצט אבּער, אז זי האט שוין געמעגט עפענען איר מויל און רעדען, האט זי דערצעלט דעם מלך, פארוואס זי איז געווען שטום און האט קיינמאל נישט געלאכט. דער מלך האט זיך געפרייט, ווי ער האט דערהערט, אז זי איז געווען אומשולדיג און זיי האבּען געלעבּט דערנאך אלע אינאיינעם אין גרויס נחת בּיז צו זייער טויט. די בּייזע שטיפמוטער איז פארמשפּט געווארען. מ׳האט זי ארייגעשטעלט אין א פאס, וואס איז געווען אנגעפילט מיט זידענדיגען בּוימעל און מיט גיפטיגע שלענג און זי איז געשטארבּען א מיאוס׳ן טויט.

# אורחא־פורחאניקעס.

הענדעלע האט א זאג געטון צום הינדעלע: „איצט איז געקומען די צייט, ווען די ניס ווערען צייטיג, לאמיר גיין אינאיינעם אויפ׳ן בּארג ארויף און זיך איינמאל גוט אנעסען, איידער די וועווערקע וועט זיי אלע אוועקטראגען.״ „יא״, האט געענפערט דאס

הינדעלע, „קום לאמיר זיך אביסעלע צולעבען.“ זענען זיי אינאיינעם ארויף געגאנגען אויפ'ן בארג און ווייל ס'איז געווען א ליכטיגער טאג, זענען זיי געבליבען ביז אין דער נאכט אריין. איצט ווייס איך נישט, צי האבען זיי זיך אזוי אנגעפרעסען, צי זענען זיי פארשייט געווארען, בקיצור, זיי האבען נישט געוואלט אהיים גיין צופיס און דאס הענ־דעלע האט געמוזט בויען א קליין וועגעלע פון ניסענשאלעכץ. ווי ס'איז פארטיג געווא־רען, האט זיך הינדעלע אריינגעזעצט און געזאגט צום הענדעלע: „דו מעגסט דיך תמיד איינשפאנען.“ — „דו ביזט א פיינער מאכער,“ האט געזאגט דאס הענדעלע, „א פריהער וועל איך צופיס אהיים גיין, איידער כ'וועל מיך לאזען איינשפאנען. ניין, אין דעם מסחר בין איך נישט איינגעגאנגען. אן אנטרייבער וואלט איך געוואלט זיין און זיצען אויף דער קעלניע אבער אליין שלעפען — בשום אופן נישט.“

ווי זיי האבען זיך אזוי געווערטעלט, איז זיך גאר ברייטליך געקומען צו גיין א קאטשקע: „גנבים, ווער האט אייך געהייסען קריכען צו מיין בארג, דאס וועט זיך אייך שוין אבגלוסטען!“ און האט זיך, עפנענדיג דעם שנאבעל א לאז געטון צום הענדעלע, אבער הענדעלע איז אויך נישט געווען קיין פארשלאפענער און האט די קאטשקע גוט מכבד געווען דערנאך האט עס איר מיט'ן שפארען אזוי אריינדערלאנגט, אז די קאטשקע האט געבעטען רחמים אין האט זיך גערן געלאזט פארמשפטן, צו שלעפען דאס וועגעלע. הענדעלע האט זיך ארויפגעזעצט אויף דער קעלניע און איז געווען דער אנטרייבער און ס'איז געגאנגען אין איין גאלאפ: „לויף, קאטשקע, ווי ווייט דו קענסט!“ זענען זיי אוועקגעפארען א שטיק וועגס, האבען זיי באגעגענט צוויי פיסגעהערס: א שפילקע און א נאדעל. האבען זיי געשריגען: „האלט! האלט!“ און געזאגט, אז ס'וועט באלד ווערען שטאקפינסטער, וועלען זיי נישט קענען ווייטערגיין, אויך איז דער שטראז גאר בלאטיג, צי מעגען זיי זיך א ביסעלע ארויפ־זעצען. געווען, האבען זיי געזאגט ביי דער שניידער־קרעטשמע פארן טויער, און האבען זיך פארשפעטיגט ביים ביר. הענדעלע האט געלאזט ביידע אויפזעצען, ווייל זיי זענען געווען מאגערע פארשוינען און נישט פארנומען קיין סך פלאץ, זיי האבען אבער געמוזט צוזאגען, אז זיי וועלען אים און זיין הינדעלע נישט אבטרעטען די פיס. שפעט ביי נאכט זענען זיי אנגעקומען צו א קרעטשמע און ווייל זיי האבען ביי נאכט נישט גע־וואלט ווייטער פארען און די קאטשקע איז אויך נישט בכוח געווען, זענען זיי אריינגע־גאנגען. דער בעל־הבית האט קודם געמאכט א סך טענות, אז זיין הויז איז שוין פול, און האט זיך אויך דערביי א טראכט געטון, אז ס'זענען אפשר נישט קיין בעל־הבתישע אורחים. דערנאך האבען אבער זיי אים אנגעהויבען איינצורעדען, אז ער וועט באקומען דאס איי, וואס הינדעלע האט געלייגט אונטערוועגענס און אז ער וועט אויך באקומען די קאטשקע וואס לייגט יעדען טאג איין איי, איז ער באשטאנען דערויף און געלאזט זיי איבערנעכטיגען. האבען זיי זיך ווידער געהייסען צו טיש גרייטען און געלעבט, ווי גאט אין פראנקרייך. פארטאג, אז עס האט אנגעהויבען צו זארען און אלע זענען נאך געשלאפען, האט הענדעלע געוועקט דאס הינדעלע, גענומען דאס איי, עס אויפגעפיקט, און אינאיינעם אויפגעגעסען; די שאלעכץ אבער, האבען זיי ארויפגעווארפען אויפן פריפעטשיק. דערנאך זענען זיי צו־געגאנגען צו דער נאדעל, וואס איז נאך געשלאפען, זי אנגענומען פאר'ן קארק און אריינגעשטעקט זי אין דעם בענקיל־קישעלע פונ'ם בעל־הבית און די שפילקע — אין זיין האנטוך, און זענען דערנאך פענדום אוועקגעפלויגען איבער דער לאנקע. די קאטשקע, וואס איז גערן געשלאפען אונטער'ן פרייעם הימעל און געבליבען אין הויף, האט געהערט, ווי זיי

האבען זיך אוועקגעפּאַלאַשיעט, איז זי געוואָרען מונטער און באַלד געפונען אַ טייך, אויף וועלכען זי איז אַראָבגעשווימען; און דאָס איז גיכער געגאַנגען, ווי צו שלעפּען דעם וואַגען. אַ פּאָר שעה שפּעטער איז ערשט דער בעל־הבית אַרויסגעקראָכען פון די פעדערן, האָט זיך געוואַשען און געוואָלט זיך אַבווישען מיט'ן האַנטוך, איז אים די שפּילקע אַריין אין פּנים אַריין און אים געמאַכט אַ רויטען צייכען פון איין אויער ביז צום אַנדערען; דערנאָך איז ער געגאַנגען אין קיך אַריין און געוואָלט זיך אַנצינדען די פּייקע. געקומען צום פּריפּעטשיק, זענען אים געשפּרונגען די צוויי אייערשאַלעכצער אין די אויגען אַריין. "היינטיגען טאָג טשעפּעט זיך עפּיס אַלץ צו מיר", האָט ער אַ זאָג געטון און האָט זיך מרה־שחורה'דיג אַריינגעזעצט אין דער ברייטער שטוהל אַריין; אָבער תּיכּף איז ער צוריק אויפגעשפּרינגען, און האָט געשריגען: "אוי וויי!" ווייל די נאָדעל האָט אים נאָך אַרגער אַ שטאָך געטאָן און דוקא נישט אין קאָפּ אַריין. איז ער אינגאַנצען ברוגז געוואָרען און געוואָרפען אַ חשד אויף די אורחים, וואָס זענען נעכטען שפּעט ביי נאַכט אָנגעקומען. און ווי ער האָט געוואָלט צו זיי אַ קוק טון, זענען זיי שוין אויסגעוועזען די צייט. האָט ער געטון אַ נדר, נישט אַריינצונעמען מער קיין אורחא־פּורחא'ניקעס אין זיין הויז אַריין, וואָס פרעסען זיך אָן און באַצאָלען גאָרנישט און טרייבען אַ חוזק דעם נאָך מיאוסע קאַטאַוועסען.

# ברודערל און שוועסטערל.

ברידערל האָט אָנגענומען זיין שוועסטערל פאַר דער האַנט און געזאָגט: "זינט די מאַמע איז טויט, האָבען מיר נאָך קיין גוטע מינוט נישט געהאַט; די שטיפמאַמע שלאָגט אונז כסדר און אַז מיר קומען צון איר קאָפּעט זי אונז אַוועק מיט די פיס. די פאַר־דאַרטע קאָרעס, וואָס בלייבען איבער פון'ם ברויט, דאָס איז אונזער מאַלצייט און דעם הינ־טעלע אונטער'ן טיש גייט עס בעסער פון אונז: אים וואַרפט זי כאָטש צו אַמאָל אַ גוטען ביסען. אַז גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען, ווען אונזער מאַמע וואָלט וויסען דערפון! קום, לאָמיר זיך אינאיינעם אַוועקלאָזען אין דער וועלט אַריין." זענען זיי געגאַנגען דעם גאַנ־צען טאָג איבער לאָנקעס און פעלדער און שטיינער און אַז ס'האָט גערעגענט האָט געזאָגט דאָס שוועסטערל: "גאָט און אונזערע הערצער זיי וויינען אינאיינעם!" פאַרנאַכט זענען זיי אָנגעקומען אין אַ גרויסען וואַלד אַריין און געווען אַזוי מיד פון צער, פון הונגער און פון דעם לאַנגען וועג, אַז זיי האָבען זיך אַריינגעזעצט אין אַ אויסגעהוילטען בוים און זענען אַנטשלאָפען געוואָרען.

אַז זיי האָבען זיך אויפגעכאַפּט דעם אַנדערען אין דער פריה, איז די זון שוין געשטאַ־נען אין מיטען הימעל און האָט הייס אַריינגעשיינט אין בוים אַריין. האָט זיך אָנגערופען דאָס ברודערל: "שוועסטערל, כ'בין דאַרשטיג, וואָלט איך געוואוסט אַ ברונעלע, וואָלט איך צוגעגאַנגען און מיך אָנגעטרונקען; דאַכט זיך, כ'האָב געהערט רוישען עפּיס פון דער ווייטענס." ברודערל איז אויפגעשטאַנען, אָנגענומען דאָס שוועסטערל פאַר דער האַנד און געוואָלט גיין זוכען דאָס ברונעלע. אָבער די בייזע שטיפמוטער איז געווען אַ מכשפה און האָט גוט געזעהן, ווי דיביידע קינדער זענען אַוועקגעגאַנגען און איז זיי נאָכגעקראָכען,

שטילי, אזוי ווי מכשפות קריכען און האט פארשאלטען אלע ברונעמס אין וואלד. וואו זיי האבען געפונען א ברונעלע, וואס איז זיך שעמערירענדיג געשרונגען איבער די שטיינער, האט פון אים דאס ברודערל געוואלט טרינקען: אבער דאס שוועסטערל האט געהערט, ווי ס'האט מורמלענדיג געזאגט: „ווער ס'טרינקט פון מיר, וועט ווערען א לעמפערט, ווער ס'טרינקט וועט ווערען א לעמפערט." האט זיך אנגערופען דאס שוועסטערל: „כ'בעט דיך, ברודערל, טרינק נישט, אז נישט וועסטו ווערען א ווילדע חיה און וועסט מיך פארציקען." דאס ברודערל האט נישט געטרונקען, כאטש ס'איז געווען שטארק דארשטיג און געזאגט: „כ'חיל ווארטען ביז צום אנדערן קוואל." זענען זיי געקומען צום צווייטען ברונעלע, האט געהערט דאס שוועסטערל, ווי ס'האט אויך געזאגט: „ווער ס'טרינקט פון מיר ווערט א וואלף, ווער סטרינקט פון מיר ווערט א וואלף." האט זיך אנגערופען דאס שוועסטערל: „ברודערל, כ'בעט דיך, טרינק נישט, אז נישט וועסטו ווערען א וואלף און מיך אויפפרעסען." דאס ברודערל האט נישט געטרונקען און געזאגט: „כ'וויל ווארטען ביז צום אנדערן קחאל, אבער דערנאך וועל איך מוזען טרינקען, מעגסטו זאגען, וואס דו ווילסט: מיין דארשט איז גאר גרויס." זענען זיי געקומען צום ברונעלע, האט דאס שוועסטערל דערהערט, ווי ס'האט מורמלענדיג געזאגט: „ווער ס'טרינקט פון מיר ווערט א סארנע, ווער ס'סטרינקט פון מיר ווערט א סארנע." האט זיך אנגערופען דאס שוועסטרל: „ברודערל, כ'בעט דיך, טרינק נישט, אז נישט וועסטו ווערען א סארנע און מיך איבערלאזען." אבער דאס ברודערל האט זיך אנידערגעקניעט ביים ברונעלע, האט זיך אנגעבויגען און געטרונקען פונ'ם וואסער, און ווי ס'איז געקומען דער ערשטער טראפען אויף זיינע ליפען, איז עס געלעגען זיך א יונג סארנעלע. האט דאס שוועסטערל גענומען וויינען איבער דעם ארעמען, פארשאלטענעם ברודערל, און דאס סארנעלע האט אויך געוויינט און איז געלעגען זיך גאר טרויעריג דערנעבען. דערנאך האט דאס מיידעלע א זאג געטון: „זיי שטיל, ליב סארנעלע, כ'וועל דיך קיינמאל נישט פארלאזען", און האט אראבגענומען איר גאלדען פידפיסקע און זי אנגעטון דעם סארנעלע אויפ'ן האלז און דערנאך אנגעפליקט פלאקס און אויסגעפלאכטען דערפון א ווייך שטריקעלע. דערמיט האט זי צוגעבונדען דאס סארנעלע און עס ווייטער געפירט און איז געגאנגען אלץ טיפער אין וואלד אריין. און ווי זיי זענען אזוי געגאנגען און געגאנגען, זענען זיי פלוצים אנגעקומען צון א קליין הייזעלע האט דאס מיידאלע אריינגעקוקט און ווייל ס'איז געווען ליידיג, האט עס געטראכט: „דא וועלען מיר קענען בלייבען און זיך באזעצען." האט עס צונויפגעזוכט גראז און שטרוי פאר'ן סארנעלע און אים געמאכט א ווייך געלעגער, און יעדען פריה מארגען איז עס אוועקגעגאנגען און צונויפגעקליבען ווארצלען, יאגדעס און נוס און פאר'ן סארנעלע האט עס געבראכט ווייכע גרעזעלעך, וואס עס האט געגעסען פון איר האנד און ס'איז געווען פריליך און האט זיך געשפילט פאר איםי אויף דער נאכט, אז שוועסטערל איז מיד געווארען און געלייענט קריאת־שמע, האט עס ארויפגעלעגט זיין קעפעלע אויפ'ן ריקען פונ'ם סארנעלע, דאס איז געווען זיין קישעלע, און דערויף איז עס זיס אנטשלאפען געווארען.

דאס האט געדויערט א לאנגע צייט, וואס זיי זענען געווען אזוי אליין אין דער וויסטעניש. ס'האט זיך אבער איינמאל געטראפען, אז דער מלך פון דער מדינה האט צוגעגרייט אין וואלד א גרויס געיעג. האבען געשאלט די הערנער, און דאס בילען פון די הינד און דאס פריילינכע געשריי פון די יעגערס־לייט האט זיך געלאזט הערען דורך די בוימער אוי דאס סארנעלע האט זיך צוגעהערט און גערן געוואלט זיין דערביי. „כ'בעט

דיך", האט עס געזאגט צום שוועסטערל, "לאז מיך ארויס צום געיעג, כ'קען דא לענגער נישט אויסהאלטען", און געבעטען אזוי לאנג, ביז ס'האט געפועלט. "אבער", האט זיך אנגע־ריפען דאס שוועסטערל, "זאלסט צוריקקומען פארנאכט, פאר די ווילדע יעגער וועל איך מיין טירעלע פארשליסען; און כדי כ'זאל דיך דערקענען, זאלסטו אנקלאפען און זאגען שוועס־טעריל מיינע, לאז מיך אריין; און אז דו וועסט אזוי נישט זאגען, וועל איך מיין טירעלע נישט עפענען." איז זיך סארנעלע ארויסגעשפרונגען און געפילט זיך אזוי פריש און געזונד אויף דער פרייער לופט. דער מלך און זיינע יעגער האבען דערזעהן דאס שיי־נע סארנעלען, זענען זיי אים נעכגעלאפען און האבען עס אבער נישט געקענט דעריאגען, און אז ס'האט זיך זיי אויסגעדאכט, אז אט אט האבען זיי עס שוין, איז עס איבער'ן קארטש אריבער און איז אנטרונען געווארען, ווי ס'האט גענומען טונקלען, איז עס צוגעלאפען צום הייזעלע, האט א קלאפ געטון און גערופען: "שוועסטערל מיין, לאז מיך אריין."

האט מען אים געעפענט דאס טירעלע, איז עס אריינגעשפרונגען און זיך אויס־גערוהט די גאנצע נאכט אויפן ווייכען געלעגער. דעם אנדערן אין דער פריה האט זיך ווידער אנגעהויבען דאס געיעג און אז דאס סארנעלע האט ווידער דערהערט די טראמפעטען און דאס הא, הא! פון די יעגערסלייט, האט עס נישט געהאט קיין מנוחה און געזאגט: "שוועסטערל, עפען מיר, כ'מוז ארויס." דאס שוועסטערל האט אים געעפענט די טיר און געזאגט: "אבער פארנאכט מוזטו ווידער קומען און זאגען דיין ווערטעלע." ווי דער מלך און זיינע יעגערסלייט האבען ווידער דערזעהן דאס סארנעלע מיט'ן גאלדענעם האלזבענדעלע, זענען זיי אים נאכגעיאגט, אבער ס'איז געווען פלינק און געשווינד. דאס האט געדויערט דעם גאנצען טאג, פארנאכט אבער האבען עס די יעגערסלייט צום סוף ארומגערינגעלט און איינער האט אים א ביסעלע צוקאליעטשעט דעם פוס, אזוי אז ס'האט געמוזט הינקען און איז פאוואלינקע אוועקגעלאפען. איז אים א יעגער נאך ביז צום הייזעלע און געהערט ווי ס'האט גערופען: "שוועסטערל מיין לאז מיך אריין", און געזעהן ווי די טיר האט זיך געעפענט און זיך תיכף ווידער צוגעשלאסען. דער יעגער האט דאס גוט באהאלטען אין מוח, איז געגאנגען צום מלך און אים דערצעלט, וואס ער האט געזעהן און געהערט. האט זיך אנגערופען דער מלך: "מארגען וועלען מיר ווידער גיין אויף געיעג."

דאס שוועסטערל אבער האט זיך זעהר דערשראקען, ווי ס'האט דערזעהן, אז זיין סארנעלע האט א וואונד באקומען, האט עס אים אבגעוואשען דאס בלוט, אים צוגעלעגט קרייטעכצער און געזאגט: "גיי אויף דיין געלעגער, ליב סארנעלע, כדי דו זאלסט ווידער געזונד ווערען." די וואונד אבער איז אזוי קליין געווען, אז דאס סארנעלע האט צומארגענס גארנישט מער געפילט דערפון. און ווי ס'האט אין דרויסען ווידער דערהערט די קולות פונ'ם געיעג, האט עס זיך אנגערופען: "כ'קען נישט מער אויסהאלטען, כ'מוז זיין דערביי; אזוי גיך וועט מיך קיינער נישט כאפען." דאס שוועסטערל האט געוויינט און געזאגט: "איצט וועלען זיי דיך הרג'ענען און איך בין דא אליין אין וואלד און בין פארלאזען פון דער גאנצער וועלט; כ'לאז דיך נישט ארויס." — "וועל איך דיר דא אבשטארבען פאר אומעט", האט געענפערט דאס סארנעלע, "אז איך דערהער די טראמפייט, אט פיהל איך, אז כ'מוז ארויס פון די כלים!" האט דאס שוועסטערל נישט געקאנט זיך קיין עצה געבען און האט אים מיט א שווער הארץ די טיר אויפגעשלאסען און דאס סארנעלע איז זיך ארויסגעשפרונגען

פריש און געזונט אין וואלד אריין. האט עס דער מלך דערזעהן און זיך אנגערופען צו די יעגערס־לייט: „איצט יאגט אים נאך דעם גאנצען טאג ביז אין דער נאכט אריין, אבער קיינער זאל אים קיין ליידעס נישט טון." ווי די זון איז אונטערגעגאנגען, האט זיך דער מלך אנגערופען צום יעגער: „איצט קום און ווייז מיר דאס וואלד־הייזעלע." איז ער געקומען צום טירעלע, האט ער א קלאפ געטון און גערופען: „שוועסטערל מיין, לאז מיך אריין." האט זיך די טיר געעפענט און דער מלך איז אריינגעקומען, איז פאר איהם געשטאנען א מיידעל, וואס איז אזוי שיין געווען, ווי קיין שום מיידאלע נישט אין דער וועלט. דאס מיידעל האט זיך דערשראקען, ווי ס'האט דערזעהן, אז נישט זיין סארנעלע איז אריינגעקומען, נאר א מאן, וואס האט געהאט א גאלדענע קרוין אויפ'ן קאפ. אבער דער מלך האט עס גאר פריינדליך אנגעקוקט, האט אים אקעגענגעשטרעקט די האנד און געזאגט: „ווילסטו נישט גיין מיט מיר אין מיין פאלאץ אריין און ווערען מיין ליבע פרוי?" „יא" האט דאס מיידעל געענפערט, „אבער דאס סארנעלע מוז מיט אונז מיטגיין, דאס פארלאז איך נישט." האט דער מלך זיך אנגערופען: „ס'זאל בלייבען ביי דיר, ווי לאנג דו לעבסט, און ס'זאל אים גארנישט פעלען." דערוויל איז עס אנגעקומען צו שפרינגען, האט דאס שוועסטערל ווידער עס צוגעבונדען מיט'ן פלאקס שטריקעלע, גענומען עס אין דער האנד אריין און איז אוועקגעגאנגען מיט אים פונ'ם וואלד־הייזעלע.

דער מלך האט גענומען דאס שיינע מיידעל אויפ'ן פערד ארויף און עס געפירט אין זיין פאלאץ אריין וואו מ'האט געמאכט די חתונה מיט גרויסער פראכט און ס'איז איצט געווארען די פרוי קיניגין און זיי האבען געלעבט אינאיינעם א לאנגע צייט אין גרויס פרייד; דאס סארנעלע האט מען געהאדעוועט און געכאוועט און ס'איז זיך ארומגעשפרונגען אינ'ם גארטען פונ'ם פאלאץ. אבער די בייזע שטיפמוטער, וואס דורך איר האבען זיך דיביידע קינדער אוועקגעלאזט אין דער וועלט אריין, האט נישט אנדערש געמיינט, נאר אז שוועסטערל איז ערגיץ אין וואלד פארציקט געווארען פון ווילדע חיות און ברודערל איז א סארנעלע דערשאסען געווארען פון די יעגערס לייט. ווי זי האט דערהערט, אז זיי זענען אזוי גליקליך און אז ס'גייט זיי גוט, האט זיך דערוועקט אין איר הארץ שנאה און קנאה און זי נישט געלאזט רוהען און האט נישט געקענט עפיס אנדערש קלערען, נאר וויאזוי די ביידע פארט נאך צו ברענגען צום אן אומגליק. די רעכטע טאכטער אירע, וואס איז געווען מיאוס ווי די נאכט און נאר געהאט איין אויג, האט צון איר געהאט טענות און געזאגט: „א מלכה צו ווערען, דאס גליק איז מיר באשערט געווען." — „זיי נאר שטיל" האט די אלטע געזאגט און זי פאר־טרייסט, „ווארט א ביסעלע, כ'וועל מיר שוין אן עצה געבען." ס'איז אוועקגעגאנגען א צייט, האט די מלכה נעבוירען א שיין יינגעלע און דער מלך איז גראד געווען אויפ'ן געיעג. האט די אלטע מכשפה זיך פארשטעלט פאר א קאמערפרוי, איז אריינגעקומען אין דער שטוב, וואו די מלכה איז געלעגען און געזאגט צו דער יולדת: „קומט, דאס באָד איז גרייט, איהר וועט אייך פשוט מחיה זיין און ס'וועט אייך געבען נייע כוחות: גיכער, איידער ס'וועט אויסקילען." איר טאכטער איז געווען דערביי, האבען זיי די קראנקע מלכה אריינגעטראגען אין באָד אריין און זי אריינגעלעגט אין ביטעל: דערנאך האבען זיי צו־געשלאסען די טיר און זענען אנטלאפען. אין באד אבער האבען זיי אריינגעלייגט א גיהנום־פייער, אזוי, אז די שיינע מלכה האט גלייך געמוזט דערשטיקט ווערען.

דערנאָך האָט די אַלטע גענומען איר טאָכטער, איר אָנגעטאָן אַ הייבעל און זי אַריינגעלעגט אין בעט אַריין אויפ'ן אָרט פון דער מלכּה. זי האָט איר אויך געגעבן דאָס געשטאַלט און דאָס פּנים פון דער מלכּה, נאָר דאָס בלינדע אויג האָט זי איר נישט געקענט צוריקגעבן. כּדי אָבער דער מלך זאָל עס נישט דערקענען, האָט זי זיך געמוזט לייגן אויף דער זייט, וואו ס'האָט איר געפעלט דאָס אויג. ווי ער איז אַהיימגעקומען און געהערט, אַז ס'איז אים געבוירן געוואָרן אַ ייִנגעלע, האָט ער זיך גאָר האַרציק געפרייט, און געוואָלט צוגיין צום בעט פון זיין ליבער פרוי און זעהן, וואָס זי טוט. האָט די אַלטע אין דער גיך אַ זאָג געטאָן: „פאַמעליך מאַכט צו די פירהעגנגליך, די מלכּה טאָר נישט קוקען אין ליכט אַריין און מוז האָבען רוה." דער מלך איז צוריקגעגאַנגען און נישט געוואוסט, אַז ס'ליגט אַ פאַלשע מלכּה אין בעט.

אַז ס'איז געקומען האַלבע נאַכט און אַלע האָבען געשלאָפען, האָט דערזעהן די אָם, וואָס איז אַליין געזעסען אין דער קינדערשטוב און האָט נאָך געוואַכט, ווי די טיר האָט זיך געעפענט און די רעכטע מלכּה איז אַנגעקומען. האָט זי אַרויסגענומען דאָס קינד פון דער וויג און אים געגעבן צו טרינקען. דערנאָך האָט זי אים צורעכט געמאַכט דאָס קישעלע, עס ווידער אַריינגעלעגט און עס צוגעדעקט מיט'ן איבערבעטעלע. זי האָט אָבער אויך נישט פאַרגעסען אָן דעם סאַרנעלע, צוגעגאַנגען אין ווינקעלע, וואו ס'איז געלעגען און אים אַ גלעט געטאָן אויפ'ן ריקען. דערנאָך איז זי גאַנץ שטילינקערהייט ווידער אַרויסגעגאַנגען און די אָם האָט דעם אַנדערן אין דער פריה געפרעגט די וועכטערס, צי איז עמיצער ביינאַכט אַריינגעקומען אין פּאַלאַץ אַריין, אָבער זיי האָבען געענטפערט: „ניין, מיר האָבען קיינעם נישט געזעהן," אַזוי איז זי געקומען אַ סך נעכט און האָט דערביי קיין וואָרט נישט גערעדט. די אָם האָט דאָס כּסדר געזעהן, זי האָט זיך אָבער נישט דערוועגט עמיצען דערפון צו דערציילען.

ווי ס'איז אַזוי אַוועקגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט, האָט די מלכּה אָנגעהויבען צו רעדען און האָט אַזוי געזאָגט:

„וואָס טוט מיין סאַרנעלע? וואָס טוט מיין קינד?
נאָר צווײמאָל קום איך נאָך, דערנאָך זייט געזונד."

די אָם האָט איר נישט געענפערט, אָבער ווי זי איז פאַרשוואונדען געוואָרען, איז זי געגאַנגען צום מלך און האָט אים אַלץ דערציילט. האָט זיך אָנגערופען דער מלך: „אוי גאָט, וואָס קען דאָס זיין! די אַנדערע נאַכט וויל איך ביים קינד וואַכען." אויף דער נאַכט איז ער אַריינגעגאַנגען אין קינדערשטיבעל, אָבער האַלבע נאַכט איז ווידער די מלכּה געקומען צו גיין און האָט געזאָגט:

„וואָס טוט מיין סאַרנעלע? וואָס טוט מיין קינד?
איינמאָל קום איך נאָך, דערנאָך זייט געזונד."

האָט זיך דער מלך נישט געקאָנט איינהאַלטען, איז ער צו איר צו און האָט געזאָגט: „דו ביסט קיין אַנדערע נישט נאָר מיין ליבע פרוי." האָט זי געענפערט: „יאָ, כ'בין דיין ליבע פרוי." און האָט אין דערזעלבער מינוט דורך גאָט'ס גענאַד צוריקבאַקומען דאָס לעבען און איז געווען פריש, רויט און געזונד. דערנאָך האָט זי דעם מלך דערציילט די עוולות און די יסורים, וואָס די בייזע מכשפה און איר טאָכטער האָבען איר אָנגעטאָן. דער מלך האָט זיי געלאָזט פיהרען פאַרן בית־דין און זיי זענען פאַרמשפּט געוואָרען. די טאָכטער האָט מען אַריינגעפיהרט אין וואַלד אַריין, וואו זי איז פאַרציקט געוואָרען פון ווילדע חיות, די מכשפה

אבער האט מען ארײנגעלעגט אין פײער ארײן, וואו זי איז אויף א מיאוסען אופן פארברענט געווארען. און ווי זי איז געווארען פערברענט אויף אש, האט דאס סארנעלע ווידער אנגענומען א מענטשליכע געשטאלט; שוועסטערל און ברודערל אבער האבען דערנאך געלעבט אינאײנעם און זענען געוועזען גליקליך ביז אין טויט ארײן.



# די דרײ מענטשאלעך אין וואלד.

געוועזען א מאן, איז אים געשטארבען זײן פרוי. געוועזען א פרוי, איז איר געשטאר־בען דער מאן; און דער מאן האט געהאט א טאכטער און די פרוי האט אויך געהאט א טאכטער. די מײדלעך האבען זיך בײדע געקענט און געגאנגען אינאײנעם שפאצירען און זענען געקומען דערנאך צו דער פרוי אין הויז ארײן. האט זי זיך אנגערופען צו דעם מאנס טאכטער: „הער נאר, זאג דײן פאטער, אז כ׳וואלט מיט אים חתונה האבען, וועסטו דיך דערנאך יעדען מארגען באדען אין מילך און טרינקען ווײן, מײן טאכטער אבער וועט זיך באדען אין וואסער און טרינקען וואסער.” דאס מײדעל איז אהײם געגאנגען און דערצעלט איר פאטער, וואס די פרוי האט איר געזאגט. האט זיך אנגערופען דער מאן: „וואס זאל איך טון? חתונה האבען איז א וואוילע זאך, ס׳ברענגט אבער אויך עגמת־נפש.” לסוף, ווײל ער האט זיך נישט געקאנט קײן עצה געבען, האט ער אויסגעטון זײן שטיוועל און געזאגט: „נעם דעם דאזיגען שטיוועל, ער האט א לאך אין דער פאדעשווע, גײ מיט אים ארויף אויף דעם בוידעם, הענג אים אויף אויפ׳ן גרויסען צוואק און גיס ארײן וואסער. וועט זיך דאס וואסער נישט אויסגיסען, וויל איך מיר ווידער נעמען א ווײב, וועט עס אויסרינען, טא וועל איך עס נישט טון.” האט דאס מײדעל געטון, ווי ר׳האט איר געהײסען: אבער דאס וואסער האט צונויפגעצויגען דעם לאך און דער שטיוועל האט זיך אנגעפולט ביז ארויף. האט עס דערצעלט איר פאטער, וויאזוי ס׳האט זיך געמאכט. איז ער אלײן ארויפגעגאנגען און ווי ער האט דערזעהן, אז ס׳איז אמת, איז ער געגאנגען צו דער אלמנה און האט זיך מיט איר משדך געוועזען און האט געמאכט די חתונה.

דעם אנדערן אין דער פריה, אז די בײדע מײדלעך זענען דערוואכט, איז געשטאנען פארן מאנס טאכטער מילך צום וואשען און ווײן צום טרינקען, פאר דער טאכטער פון דער פרוי אבער איז געשטאנען וואסער צום וואשען און וואסער צום טרינקען. דעם אנדערן

אין דער פריה איז געשטאנען וואסער צום וואשען און וואסער צום טרינקען אזוי פאר דעם מאנס טאכטער, ווי אויך פאר דער פרויס טאכטער. און דעם דריטען מארגען איז געשטאנען וואסער צום וואשען און וואסער צום טרינקען פאר דעם מאנס טאכטער און מילך צום וואשען און ווייַן צום טרינקען פאר דער פרויס טאכטער און דערבײַ איז עס געבליבען. די פרוי האט איר שטיפטאכטער פיינד געהאט ווי א שפין און נישט געוואוסט, וויאזוי זי זאל עס איר פון טאג צו טאג מער ארויסווייזען. אויך איז זי געווען פול קנאה, ווייל איר שטיפ־טאכטער איז געווען שיין און ליבליך, איהר רעכטע טאכטער אבער מיאוס און מגונה.

איינמאל אין ווינטער, אז ס'איז געווען געפרוירען הארט ווי שטיין און בארג און טאל זענען געלעגען פארשנייט, האט די פרוי געמאכט א קלייד פון פאפיר, צוגערופען דאס מיידעל און געזאגט: „אט טו אן דאס קלייד, גיי ארויס אין וואלד אריין און ברענג מיר א קערבעלע פול מיט יאגדעס; כ'טו גלוסטען דערנאך." — „מיין ליבער גאט", האט זיך אנגע־רופען דאס מיידעל, „ווינטער וואקסען דאך נישט קיין יאגעדעס, די ערד איז צוגעפרוירען און דער שניי האט אויך אלץ צוגעדעקט. און פארוואס זאל איך גיין אינ'ם פאפירענעם קלייד? ס'איז אין דרויסען אזוי קאלט, אז ס'פרירט צו דעם אטעם: דער ווינד בלאזט דורך און די דערנער וועלען עס פון מיר אראבברייסען." — „ווילסטו מיר נאך אקעגענרעדען?" האט די שטיפמוטער געזאגט, „נעם דיר דעם דרך און קום מיר אפריהער נישט צוריק, ביז דיין קער־בעלע וועט נישט זיין פול מיט יאגעדעס." און דערנאך האט זי איר געגעבען א שטיקעלע הארט ברויט און געזאגט: „דאס וועסטו האבען צו עסען א גאנצען טאג" און געטראכט זיך: „אין דרויסען וועט עס דערפרוירען ווערען און פארהונגערן און מיר נישט קומען מער פאר די אויגען."

האט דאס מיידעל געפאלגט, זיך אנגעטון דאס פאפירקליידעל און איז מיט דעם קערבעלע ארויסגעגאנגען. איז אומעדום געווען נאר שניי און שניי און מ'האט נישט געזעהן קיין גרין גרעזעלע. ווי ס'איז געקומען אין וואלד אריין, האט עס דערזעהן א קליין הייזעלע, האבען ארויסגעקוקט דריי שרעטאלעך. האט עס זיי געווינשען א גוט יאהר און אנגעקלאפט גאר ציכטיג אין דער טיר. האבען זיי עס אריינגערופען און ס'איז אריינגעקומען אין שטוב אריין און זיך געזעצט אויף דער באנק בײַ דער הרובע, דארט האט עס זיך געוואלט אנווארעמען און געוואלט איבערבייסען. די שרעטאלעך האבען געזאגט: „גיב אונז אויך עפיס דערפון." „גערן", האט עס געזאגט, איבערגעטיילט דאס ברויט און זיי געגעבען די העלפט. האבען זיי א פרעג געטון: „וואס וואלסטו איצט אין ווינטער מיט דיין דין קליידעלע דא אין וואלד?" „אז ווײַ", האט עס זיך אנגערופען, „כ'וויל זוכען א קערבעלע פול מיט יאגעדעס און טאר נישט פריהער אהיים קומען, ביז כ'וועל עס ברענגען." ווי ס'האט אבגעגעסען דאס ברויט, האבען זיי איר געגעבען א בעזעם און געזאגט: „קער אוועק דערמיט בײַ דער הינטערטיר דעם שניי." ווי ס'איז געווען אין דרויסען האבען די דריי מענשעלעך צווישען זיך א זאג געטון: „וואס זאלען מיר איר שענקען דערפאר, וואס ס'איז אזוי ציכטיג און גוט און ווייל ס'האט זיך צע־טיילט מיט אונז מיט'ן ברויט?" האט געזאגט דער ערשטער: „איך שענק איר, אז ס'זאל יעדען טאג שענער ווערען." האט געזאגט דער צווייטער: „איך שענק איר, אז ס'זאלען איר פאלען רענדלעך! אויס'ן מויל, ווען ס'וועט ארויסרעדען א ווארט." האט דער דריטער געזאגט: „איך שענק איר, אז ס'זאל קומען א מלך און זי נעמען פאר א ווייב."

דאס מיידעל האט געטון ווי די שרעטאלעך האבען איר געהייסען, האט אוועקגע־קערט מיט דעם בעזעם דעם שניי פונ'ם הייזעלע און וואס רעכענט איר האט זי געפונען?

לויטער צייטיגע יאגדעס, וואס האבען טונקעל רויט אפירגעבלישטשעט פונ׳ם שניי ארויס. האט זי זיי מלא גדולה צונויפגעקליבען אין קערבעלע אריין, געדאנקט די קליינע מענשעלעך, געגעבען יעדען די האנד און איז א היים געלאפען און געוואלט ברענגען דער שטיפמוטער, וואס ז׳האט פארלאנגט. ווי זי איז אריינגעקומען און געזאגט „גוטען אוועטנד״ איז איר תיכף א רענדעל ארויסגעפאלען פונ׳ם מויל. דערנאך האט זי דערצעלט, וואס ס׳האט זיך איר אין װאלד געטראפען, אבער ביי יעדען ווארט, וואס זי האט ארויסגערעט, האבען זיך איר געשיט רענדלעך פונם מויל, אזוי אז די גאנצע שטוב איז באלד געווען באדעקט מיט זיי. „זאל זיך עמיצער אנקוקען די חוצפה״, האט זיך אנגערופען די שטיפשוועסטער, „אזוי ארומצוווארפען מיט׳ן געלד״, אבער אין דער שטיל איז זי געווען פול קנאה און אויך געוואלט ארויס אין וואלד אריין און זוכען יאגעדעס. האט געזאגט די מוטער: „ניין, ליב טעכטערל, ס׳איז צו קאלט, וועסט מיר נאך דערפרוירען ווערען.״ ווייל אבער זי האט נישט געלאזט צורוה, האט די מוטער נאכגעגעבען, גענייט איר א פראכטיג פוטערל, וואס ז׳האט געמוזט אנטון און איר מיטגעגעבען ברויט מיט פוטער און פיינקיכעלעך אויפן וועג.

דאס מיידעל איז געגאנגען אין וואלד אריין און צוגעשפרייזט גלייך צו דעם קליינעם הייזעלע. די דריי קליינע שרעטאלעך האבען ווידער ארויסגעקוקט, אבער ס׳האט נישט געזאגט קיין גוט העלף און קיין גוט מארגען און איז גלייך אריין אין שטיבעל אריין, זיך אנידערגעזעצט ביי דער הרובע און גענומען עסען זיין ברויט מיט פוטער און פיינקיכעלעך. „גיב אונז א שטיקעלע דערפון״, האבען זיך די קליינע אנגערופען, אבער ס׳האט געענפערט: „ס׳איז מיר אליין נישט גענוג, ווי קען איך אנדערע נאך געבען דערפון?״ ווי ס׳איז פארטיג געווארען מיט׳ן עסען האבען זיי געזאגט: „אט האסטו א בעזעם, קער אונז אין דרויסען אוועק פאר דער טיר.״ — „וואס פלוצים, קערט אייך אליין״, האט עס געענפערט, „בין איך עפעס אייער דינסט?״ ווי ס׳האט געזעהן, אז זיי ווילען איר גארנישט שענקען איז עס ארויסגעגאנגען. האבען די קליינע מענשעלעך צו זיך א זאג געטון: „וואס זאלען מיר איר שענקען פאר איר חוצפה און פאר דער קנאה, וואס זי טראגט אין הארץ און פארגינט קיינעם גארנישט?״ — האט דער ערשטער געזאגט: „איך שענק איר, אז זי זאל פון טאג צו טאג מיאוס׳ער ווערען.״ האט דער צווייטער געזאגט: „איך שענק איר, אז ביי יעדען ווארט, וואס זי וועט ארויסרעדען זאל איר ארויסשפרינגען א זשאבע פונ׳ם מויל.״ האט דער דריטער געזאגט: „איך שענק איר, אז זי זאל איינגעמען א מיתה משונה.״ דאס מיידיל האט געזוכט אין דרויסען יאגעדעס, ס׳האט אבער קיין איינציגע נישט געפונען, איז עס זיך פארדראסיג אהיים געגאנגען. און ווי ס׳האט געעפענט דאס מויל און געוואלט דערצעלען דער מוטער, וואס ס׳האט זיך איר געטראפען אין וואלד, איז איר ביי יעדען ווארט ארויסגעשפרונגען א זשאבע פונ׳ם מויל, אזוי אז אלעמען איז מיאוס געווארען פאר איר.

האט די שטיפמוטער נאך מער עגמת נפש געהאט דערפון און האט זיך נאר פארלעגט דערויף, וואס גרעסערע יסורים אנצוטון דעם מאנס טאכטער, וואס איז פון טאג צו טאג שענער געווארען. איז איר איינגעפאלען צו נעמען א קעסעל, אים ארויפצושטעלען אויפן פייער און צו קאכען פלאקס. נאכדעם ווי ס׳האט געזאטען, האט עס דעם מיידעל אנגעהאנגען אויף די פלייצעס און איר מיטגעגעבען א האק, דערמיט האט זי געדארפט גיין צו דעם געפרוירענעם טייך, אויסהאקען א לאך און טונקען דעם פלאקס. האט עס געפאלגט און איז צוגעגאנגען אויסהאקען א לאך אין אייז. אינמיטען דערין איז געקומען צו פארען א גאר פראכטיגער וואגען און אויף אים איז געזעסען דער מלך. איז דער וואגען געבליבען שטיין און

דער מלך האט א פרעג געטון: „ווער ביסטו מיין קינד און וואס טוסטו דא?" — "כ'בין אן ארים מיידאלע און טונק פלאקס." האט דער מלך באקומען גרויס רחמנות און ווי ר'האט דערזעהן איהר שיינקייט האט ער געזאגט: ווילסטו מיט מיר מיטפארען?" „גאר גערן", האט עס געענפערט, ווייל עס האט זיך געפרייט, אז ס'וועט נישט מער דארפען זעהן די מוטער און די שוועסטער.

האט עס זיך אריינגעזעצט אין דעם רייטוואגען און איז מיט דעם מלך אוועקגעפארען און ווי זיי זענען געקומען אין זיין פאלאץ אריין, האט מען תיכף מיט גרויס פראכט געשטעלט א חופה, פונקט ווי די קליינע מענשעלעך האבען איר אנגעווינשען. איז פארגאנגען א יאר, האט די יונגע מלכה געבוירען א זון. און ווי די שטיפמוטער האט דערהערט פון דעם גרויסען גליק, איז זי געקומען צו גיין מיט איר טאכטער אין פאלאץ אריין, גלייך זי וואלט געקומען צו גאסט. האט זיך אבער געמאכט, אז דער מלך איז ארויסגעגאנגען און ס'איז קיינער נישט איבערגעבליבען, האט די בייזע פרוי א כאפ געטאָן די קיניגין ביים קאפ און די טאכטער ביי די פיס און האבען זי געטראגען פונ'ם בעט און זי דורכ'ן פענסטער ארויסגעווארפען אין טייך אריין, וואס האט געפלייצט פארביי ביים פאלאץ. און דערנאך האט זי איר מיאוסע טאכטער אריינגעלעגט אין בעט אריין און זי צוגעדעקט ביז איבער'ן קאפ. איז דער מלך צוריקגעקומען און האט געוואלט רעדען מיט זיין פרוי, האט זיך אנגערופען די אלטע: „שטיל, שטיל, איצט טאר מען נישט, זי ליגט איצט אין שטארקען שוייס, איר מוזט זי היינט צורוה לאזען." דער מלך האט אן קיין בייז נישט געטראכט און איז ערשט דעם אנדערן מארגען ווידער געקומען. און ווי ער האט מיט זיין פרוי גערעדט און זי האט אים געענפערט, איז ביי יעדען ווארט א זשאבע ארויסגעשפרונגען, פריהער אבער איז תמיד ארויסגעפאלען א רענדעל. האט ער געפרעגט, וואס דאס באטייט, אבער די אלטע האט געזאגט, אז דאס האט זי באקומען פונ'ם שטארקען שוייס און דאס וועט שוין אליין פון זיך פארגיין.

אין דער נאכט אבער האט דער קעכער־יונג דערזעהן, ווי א קאטשקע איז געקומען צו שווימען דורכ'ן רינשטיק און האט געזאגט:

„קיניג, וואס טוסטו?
שלאפסטו, צי וואכסטו?"

האט ער אבער נישט געענטפערט, האט זיך זי ווידער אנגערופען:

„וואס טון מיינע געסט?"

האט דער קעכער־יונג געענטפערט:

„זיי שלאפען פעסט."

האט זי ווייטער געפרעגט:

„וואס טוט מיין קינדעלע?"
„עס שלאפט אין וויגעלע."

איז זי אין דער געשטאלט פון דער קיניגין ארויפגעגאנגען און אים געגעבען צו טרינקען, האט אים צורעכט געמאכט דאס בעטעלע און עס צוגעדעקט און איז דערנאך ווידער ווי א קאטשקע אוועקגעשווימען דורכ'ן רינשטיק. אזוי איז זי געקומען צוויי נעכט נאכאנאנד, אין דער דריטער האט זי זיך אנגערופען צום קעכער־יונג: „גיי און זאג דעם קיניג, אז ער זאל נעמען זיין שווערד און אויף דער שוועל דריימאל א פעכט טון איבער מיר." איז דער קעכער־יונג אוועק און דערצעלט דעם קיניג, איז ער אנגעקומען מיט זיין

שווערד און האט דריימאל א פּאַך געטון איבער דעם שד׳ און ביים דריטענמאל איז געשטא־
נען פאר אים זיין פרוי׳ פריש און געזונד און לעבעדיג׳ אזוי ווי זי איז פריהער געווען׳

איז דער קיניג געווען מלא שמחה׳ האט ער אבער די קיניגען באהאלטען אין א קא־
מער ביז זונטאג׳ ווען דאס קינד האט געזאלט ווערען געטויפט׳ נאך דער טויפע׳ האט ער
געזאגט: „וואס קומט דעם׳ וואס טראגט דעם אנדערן ארויס פונם בעט אוןווארפט אים
אין וואסער אריין?״ „נישט קיין בעסערס״ האט געענפערט די אלטע׳ „נאר אריינשטעקען
דעם רשע אין א פאס אריין׳ וואס איז מיט צוועקעס אויסגעקלאפט און אים פונ׳ם בארג אין
וואסער אריין אראבקויקלען.״ האט דער מלך זיך אנגערופען: „דו האסט דיך אליין געמשפט״׳
און האט געלאזט ברענגען א פאס און אריינשטעלען די אלטע מיט איר טאכטער׳ דערנאך
האט מען דעם דנאָ צוגעקלאפּט און אראבגעקויקעלט דאס פאס בארג אראב׳ ביז ס׳איז
אין וואסער אריין׳

## די דריי שפינערינס׳

געווען א מיידעל פויל און נישט געוואלט שפינען׳ האט די מוטער געמעגט מיט
איהר טענה׳ען׳ זי האט עס דערצו נישט געקענט ברענגען׳ סוף כל סוף איז די מוטער געקו־
מען אין כעס אריין׳ האט זי עס גוט מכבד געווען און ס׳האט אנגעהויבען צו וויינען אויף א
קול׳ האט זיך געמאכט׳ אז די קיניגין איז גראד דורכגעפארען און ווי זי האט דערהערט
דאס געוויין׳ איז זי געבליבען שטיין׳ אריינגעקומען אין הויז אריין און געפרעגט די מוטער׳
פארוואס זי שלאגט אזוי די טאכטער׳ אז מ׳הערט אזש אין דרויסען אויפ׳ן שטראָז די יללות׳ האט
זיך די פרוי גאר פארשעמט׳ ווייל זי וועט מוזען אנטפלעקען דאס פוילקייט פון איר טאכטער
און האט געזאגט: „כ׳קען זי פונ׳ם שפינען גארניט אבגעוואוינען׳ זי וויל כסדר נאר שפינען און
שפינען און איך בין ארים און קען איר נישט געבען גענוג פלאקס.״ האט געענפערט די
קיניגען: „איך הער גאר גערן שפינען און בין גאר פריילליך׳ אז כ׳הער ווי די רעדער
רעש׳ן; גיט מיר אייער טאכטער מיט אין פּאלאץ אריין׳ כ׳האב פלאקס גענוג׳ דארט וועט זי
קענען שפינען וויפיל זי וויל.״ די מוטער איז דערפון גאר נתפעל געווארען און די קיניגען האט
מיטגענומען דאס מיידעל׳ זענען זיי אנגעקומען אין פּאלאץ אריין׳ האט זי דאס מיידעל
ארויפגעפיהרט צו די דריי קאמערן׳ זענען זיי פון הינטען ביז ארויף געווען אַנגעפילט מיט׳ן
שענסטען פלאקס׳ „איצט שפין מיר אויס אט דעם פלאקס׳ און אז דו וועסט פארטיג ווערען׳ וועסטו
באקומען מיין עלטסטען זון פאר א מאן; מעגסטו אפילו זיין אן ארימע׳ טוט עס מיך גאר־
נישט ארען׳ דיין גרויס התמדה איז א גוטער נדן׳.״ דאס מיידעל האט זיך אין איר הארצען
דערשראקען׳ ווייל ס׳האט נישט געקאנט שפינען דעם פלאקס׳ אפילו ווען ס׳וואלט אלט געווא־
רען דרייהונדערט יאָר און וואלט געזעסען דערביי יעדען טאג פון אין דער פריה ביז אויף דער
נאכט׳ ווי ס׳איז אליין געבליבען׳ האט עס גענומען וויינען און געזעסען אזוי דריי טעג און
נישט אריינגעטון קיין האנד אין קאלט וואסער אריין׳ דעם דריטען טאג איז געקומען די קי־
ניגין און ווי ז׳האט דערזעהן׳ אז ס׳האט נאך גארנישט אויסגעשפינען׳ האט זי זיך פארוואונ־
דערט׳ אבער דאס מיידעל האט זיך דערמיט אויסגעדרייט׳ אז ס׳האט פאר גרויס בענקשאפט
אהיים נאך נישט געקענט אנהויבען׳ איז דאס דער קיניגין איינגעגאנגען׳ זי האט אבער ביים
אוועקגיין געזאגט: „מארגען מוזטו זיך מיר נעמען צו דער ארבייט.״

איז דאס מיידעל ווידער איבערגעבליבען אליין און נישט געוואוסט קיין עצה צו געפונען, האט עס זיך פאר גרויס עגמת נפש אוועקגעשטעלט צום פענסטער. האט עס געזעהן אנקומען דריי ווייבער, פון זיי האט איינע געהאט א ברייטען פלאטפוס, די צווייטע אזא גרויסע אונטערשטע ליפ, אז זי איז איר אראבגעהאנגען ביז איבער דער מארדע און די דריטע האט געהאט א ברייטען דאמען פינגער. זענען זיי געבליבען שטיין פאר דעם פענסטער, און האבען געטון א קוק ארויף און געפרעגט דאס מיידעל, וואס ס'פעלט אים. האט עס פאר זיי געקלאגט זיין ביטער הארץ, האבען זיי אים פארשפראכען זייער הילף און צו אים אזוי געזאגט: „אז דו וועסט אונז פארבעטען אויף דיין חתונה און דו וועסט דיך נישט שעמען מיט אונז און רופען אונז מומע און אנידערזעצען אונז ביי דיין טיש, וועלען מיר דיר אויסשפינען דעם פלאקס און דאס אין א גאר קורצער צייט.״ „פון הארצען גערן״, האט עס אבגעענפערט, „קומט נאר אריין און זעצט אייך תיכף אוועק צו דער ארבייט.״ האט עס די דריי משונה'דיגע ווייבער אריינגעלאזט און פריי געמאכט אין דער ערשטער קאמער א חינקעלע, וואו די דריי ווייבער האבען זיך אנידערגעזעצט און גענומען שפינען. איינע האט אויסגעצויגען דעם פאדים און געדרעהט דאס ראד, די אנדערע האט אים באנעצט און די דריטע האט אים געדרעהט און אים אויסגעקלאפט מיט'ן פינגער אויפ'ן טיש, און וויפיל מאל זי האט א קלאפ געטון איז



אראבגעפאלען א סך פאדעם און געווען איז ער גאר פיין אויסגעשפינען. פאר דער קיניגען האט זי באהאלטען די דריי שפינערינס און איר געוויזען, ווען זי פלעגט אריינקומען, די פולע פון די אויסגעשפינענע פעדים, אזוי אז זי האט זי נישט געקענט גענוג אויסלויבען.

האט זיך אויסגעלעדיגט די ערשטע קאמער, האבען זיי זיך גענומען צו דער צווייטער און דערנאך צו דער דריטער, וואס האט זיך אויך באלד אויסגעלעדיגט. האבען זיך די דריי ווייבער אבגעזעגענט און געזאגט צום מיידעל: „פארגעס נישט, וואס דו האסט אונז צוגעזאגט, וועסטו האבען א גרויס מזל.״

אז דאס מיידעל האט געוויזען דער קיניגין די ליידיגע קאמערן און די גרויסע פולע פאדעס, האט זי תיכף אבגעלעגט די חתונה און דער חתן האט זיך געפרייט, וואס ער באקומט א גרויסע בריה פאר א ווייב און האט זי שטארק געליבט. „כ'האב דריי מומעס", האט דאס מיידעל געזאגט, „און ווייל זיי האבען אן מיר געטון גרויס גוטס, וואלט איך אן זיי אין מיין גליק נישט געוואלט פארגעסען: ערלויבט מיר, כ'בעט אייך, צו פארבעטען זיי אויף דער חתונה און זיי זאלען זיצען ביי אונזער טיש." האבען די קיניגין און דער חתן געענפערט: „פארוואס זאלען מיר דאס נישט ערלויבען?" ווי ס'האט זיך אנגעהויבען די שמחה, זענען געקומען צו גיין די דריי מומעס אין א וואונדערליכער טראכט און די כלה האט געזאגט: „זייט מיר אנגענומען, ליבע מומעס". — „אז ווייי", האט דער חתן א זאג געטון, „פון וואנעס נעמט זיך צו דיר אט די מיאוסע חברותא?" דערנאך איז ער צוגעגאנגען צו דער איינער מיט'ן ברייטען פלאטספוס און האט זי געפרעגט: „פון וואס האט איר אזא ברייטען פוס?" „פונ'ם טרעטען", האט זי אבגעענפערט, „פונ'ם טרעטען", איז דער חתן צוגעגאנגען צו דער צווייטער און האט זי א פרעג געטון: „פון וואס האט איר אזא אראבהענגענדיגע ליפ?" „פונם לעקען", האט זי אבגעענפערט, „פונם לעקען" האט ער געפרעגט די דריטע: „פון וואס האט איר אזא ברייטען דאמען?" „פונ'ם דרעהען פאדים", האט זי געענפערט, „פונ'ם דרעהען פאדים", האט זיך דער בן מלך דערשראקען און געזאגט: „אויב אזוי זאל מיין שיינע כלה מיר קיינמאל נישט מער אנריהרען קיין שפינראד" — דערמיט האט זי געפטרט דאס שרעקליכע פלאקסשפינען.

# הענזעל און גרעטעל.

נאהענט ביי א גרויסן וואלד האט געוואוינט אן ארימער האלצהעקער מיט זיין ווייב און צוויי קינדער; דאס יינגעלע האט געהייסען הענזעל און דאס מיידאלע גרעטעל. האט ער געהאט ווייניג צו קייען און צו בייסען, און איינמאל, אז ס'איז געקומען א גרויס יקרות אין לאנד אריין, האט ער דאס טעגליכע ברויט נישט מער געקענט פארדינען. איז ער געלעגען ביינאכט אין בעט און געקלערט און געקלערט און האט זיך פאר דאגות געוואלגערט אהין און אהער. האט ער א זיפץ געטון און געזאגט צו זיין ווייב: „וואס זאל פון אונז ווערען? ווי אזוי קענען מיר אונזערע ארימע קינדער מפרנס זיין, אז מיר האבען פאר אונז אליין שוין גארנישט?" „ווייסטו וואס, מיין מאן", האט געענפערט דאס ווייב, „לאמיר מארגען גאנץ פריה די קינדער ארויספירען אין וואלד אריין, דארט וואו ער איז סאמע געדעכט: דארט וועלען מיר זיי אנלעגען א פייער און געבען יעדען נאך א שטיקעלע ברויט, דערנאך וועלען מיר גיין צון אונזער ארבייט און זיי אליין איבערלאזען. זיי וועלען נישט געפונען דעם וועג אהיים און מיר האבען זיי געפטרט." „ניין, מיין ווייב", האט זיך אננערופען דער מאן, „דאס קען איך נישט טון; וויאזוי קען דאס מיין הארץ דערלאזען, אז מיינע קינדער זאלען איבערבלייבען אליין אין וואלד, ס'וואלטען באלד געקומען ווילדע חיות און זיי פארציקט."

„אוי דו נאר", האט זי געענפערט, „טא וועלען מיר אלע פיר מוזען שטארבען פאר הונגער, און מעגסט טאקי שוין אבהיבלעווען די ברעטער פאר די טרומנעס", און איהם נישט געלאזט צורוה ביז ער האט מסכים געווען. „אבער כ'האב דאך רחמנות מיט די צוויי ארימע קינדער", האט געזאגט דער מאן.

די צוויי קינדער האבען פאר הונגער אויך נישט געקענט אנטשלאפען ווערען און האבען זיך איינגעהערט, וואס די שטיפמוטער האט געזאגט צום פאטער. גרעטעל האט

געווײנט מיט בלוטיגע טרערן און געזאגט צו הענזלען: „איצט האט מען אונז שוין גאר גוט פארזארגט״ – „שטיל, גרעטעל״, האט הענזעל געענפערט, „נישט געזארגט, כ׳וועל שוין גע־פינען אן עצה.״ און ווי די אלטע לייט זענען אנטשלאפען געווארען, איז ער אויפגעשטאנען און האט אנגעטון זײַן רעקעלע, אויפגעמאכט די הינטערטיר און האט זיך ארויסגעגנבעט. האט די לבנה געשײַנט גאר ליכטיג און די ווייסע קיזעל שטיינער, וואס זענען געלעגען פאר׳ן הויז, האבען געגלאנצט ווי לויטער זילבערנע גולדענס. הענזעל האט זיך אנגעבויגען און אזויפיל אנגעפאקט אין זײַן קעשענע, וויפיל ס׳האט נאר געקענט ארײַן. דערנאך איז ער צוריקגעגאנגען און געזאגט צו גרעטלען: „טרייסט דיך ליב שוועסטערל און ווער נאר רוהיג אנטשלאפען, גאט וועט אונז נישט פארלאזען״, און האט זיך ווידער אריינגעלעגט אין זײַן בעט ארײַן.

און ווי ס׳האט געגומען טאגען, נאך אײדער די זון איז אויפגעגאנגען, איז שוין גע־קומען צוגיין די שטיפמומטער און האט געוועקט די ביידע קינדער: „שטייט אויף, פויליא־קעס, מיר ווילען גיין אין וואלד ארײַן און ברענגען האלץ.״ דערנאך האט זי יעדען אויס־געטיילט א שטיקעלע ברויט און געזאגט: „נאט אייך עפיס צום אנבייסען, אבער איר זאלט עס נישט א פריהער אויפעסען, איר וועט מער גארנישט באקומען.״ גרעטעל האט גענומען דאס ברויט אונטערן שירצעל, ווייל הענזעל האט געהאט די שטיינער אין קעשענע. דער־נאך האבען זיי זיך אלע אינאיינעם אוועקגעלאזט אין וואלד ארײַן. ווי זיי זענען אזוי א שטיק וועגס אוועקגעגאנגען, איז הענזעל געבליבען שטיין און האט צוריקגעקוקט צו דעם הויז און געטון אזוי עטליכע מאל. האט דער פאטער געזאגט: „הענזעל, וואס קוקסטו אלץ כסדר און בלײַבסט צוריק, גיב אכטונג, אז דו זאלסט דײַנע פיס נישט פארגעסען.״ „אוי, טאטע״ האט הענזעל געזאגט, „כ׳האב מיך אומגעקוקט צו מײַן ווייס קעצעלע, וואס זיצט אויבען אויפן דאך און וויל זיך מיט מיר געזעגענען.״ האט זיך אנגערופען די שטיפמוטער: „דו נאר אײנער, דאס איז דײַן קעצעלע נישט, דאס איז די מארגענזון, וואס שײַנט אויפן קוימען.״ הענזעל אבער האט נישט געקוקט צו דעם קעצעלע, נאר ער האט כסדר געווארפען פון זײַן קעשענע אײנעם פון די ווייסע קיזעלשטיינער אויפן וועג.

ווי זיי זענען געקומען אינמיטען וואלד ארײַן, האט דער פאטער געזאגט: „איצט קלויבט צונויף האלץ, קינדער, וועל איך אנצינדען א פײַער, כדי איר זאלט נישט דעפרוירען ווערען. הענזעל און גרעטעל האבען צונויפגעטראגען צווייגען, א קליין בערגעל די הייך האט מען אונטערגעצונדען די צווייגעלעך און אז די פלאם האט גאר הויך געברענט, האט די פרוי געזאגט: „איצט לייגט אייך אנידער ביים פײַער, קינדער, און רוהט אייך אויס, מיר גייען אין וואלד ארײַן האקען האלץ, אז מיר וועלען פארטיג ווערען, וועלען מיר צוריקקומען און אייך מיטנעמען.״

הענזעל און גרעטעל זענען געזעסען ביים פײַער, און אז ס׳איז געקומען ארום ווארעמעס האט איטליכעס געגעסען זײַן שטיקעלע ברויט. און ווייל זיי האבען געהערט דאס קלאפען פון דער האק, האבען זיי געמיינט, אז זייער פאטער איז אין דער נאהענט. ס׳איז אבער נישט געווען קיין האק, ס׳איז געווען א צווייג, וועלכען ער האט צוך אן אויסגעטריקענטען בוים צו־געבונדען און דער ווינד האט אים אהין און אהערגעווארפען. און ווי זיי זענען אזוי לאנג גע־זעסען, זענען זיי פאר מידקייט די אויגען צוגעפאלען און זיי זענען פעסט אנטשלאפען גע־ווארען. און אז זיי האבען זיך געגעבען א כאפ אויף, איז שוין געווען פינסטערע נאכט. גרעטעל האט גענומען וויינען און געזאגט: „וויאזוי וועלען מיר איצט ארויס פונם וואלד!״ הענזעל אבער

האט זי געטרייסט, „וואַרט נאָר אַ ביסעלע, ביז די לבנה וועט אויפגיין, וועלען מיר דעם וועג שוין געפונען.“ און אַז די לבנה איז אינאַנצען אויפגעגאַנגען, האָט הענזעל גענומען זיין שוועסטערל ביי דער האַנד און איז נאָכגעגאַנגען די קיזלשטיינער; זיי האָבן געגלאַנצט ווי נייע געגאָסענע גולדענס און זיי געוויזן דעם וועג. זענען זיי געגאַנגען די גאַנצע נאַכט און אָנגעקומען, ווען ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, צום הויז פון זייער פאָטער. האָבן זיי אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר און די שטיפמוטער האָט אויפגעמאַכט און דערזעהן, אַז ס׳איז הענזעל און גרעטעל, האָט זי געזאָגט: „איר שלעכטע קינדער, וואָס האָט איר אַזוי לאַנג געשלאָפן אין וואַלד, מיר האָבן געמיינט, אַז איר וועט שוין נישט צוריקקומען.“ דער פאָטער אָבער האָט זיך געפרייט, ווייל ער האָט געהאַט עגמת נפש, וואָס ער האָט זיי אַליין איבערגעלאָזן אין וואַלד.

נישט לאַנג דערנאָך איז די נויט ווידער געווען פול אין אַלע עקן, און די קינדער האָבן געהערט, ווי די שטיפמוטער האָט געזאָגט ביינאַכט אין בעט צו זייער פאָטער: „אַלץ איז



פאַרצערט, מיר האָבן נאָך אַ האַלב לייבעל ברויט, דערנאָך איז אויס מזמור. די קינדער מוזן אַוועק. מיר וועלן זיי טיפער אַריינפירען אין וואַלד אַריין, כדי זיי זאָלן דעם וועג נישט קענען געפונען צוריק; אַנדערש קענען מיר זיך נישט דערראַטעווען.“ דעם מאַן איז שווער געוואָרען דאָס האַרץ און ער האָט געטראַכט: „ס׳וואָלט בעסער געווען, אַז דו זאָלסט טיילן דעם לעצטען ביסען מיט דיינע קינדער.“ אָבער דאָס ווייב האָט אים נישט געהערט, האָט אים געשאָלטען און אויף אים שטאַרק מתרעם געווען. ווער ס׳זאָגט איינס מוז אויך זאָגען צוויי, און ווייל ער האָט דאָס ערשטע מאָל נאָכגעגעבן, האָט ער אויך געמוזט נאָכגעבן צום צווייטענמאָל.

די קינדער זענען אָבער געווען וואַך און האָבן צוגעהערט. וואָס זיי האָבן גערעדט צווישע

זיך. אז די אלטע לייט זענען אנטשלאפען געווארען, איז הענזעל ווידער אויפגעשטאנען, געוואלט ארויסגיין צונויפקלויבען קיזעלשטיינער, ווי דאס פריהריגע מאל, אבער די שטיפמוטער האט פארשלאסען די טיר און הענזעל האט נישט געקענט ארויס. אבער ער האט געטרייסט זיין שוועסטערל און געזאגט: „וויין נישט, גרעטעל, און שלאף נאר רוהיג, דער אויבערשטער וועט אונז שוין העלפען."

גאנץ פריה איז געקומען די שטיפמוטער און האט ארויסגענומען די קינדער פונ'ם בעט זיי האבען באקומען זייער שטיקעלע ברויט, ס'איז אבער נאך קלענער געווען, ווי דאס פריהריגע מאל. אויפ'ן וועג אין וואלד ארייין, האט עס הענזעל צוברעקעלט אין דער קעשענע, איז כסדר געבליבען שטיין און ארואבגעווארפען א ברעקעלע אויף דר'ערד.

„הענזעל, וואס בלייבסטו שטייי און קוקסט דיך אום", האט דער פאטער געזאגט, „גיי דייז וועגס."



„איך קוק צו מיין טייבעלע, ס'זיצט אויפ'ן דאך און וויל מיר זאגען א זיי געזונד", האט הענזעל געענפערט. „נאר איינער", האט זיך אנגערופען די פרוי, „דאס איז דיין טייבעלע נישט, דאס איז די מארגענזון, וואס שיינט אויבען אויפ'ן קוימען." הענזעל אבער האט אלץ צו ביסלעך אלע ברעקעלעך געווארפען אויפ'ן וועג. די פרוי האט די קינדער ארייינגעפירט נאך טיפער אין וואלד אריין, וואו זיי זענען זייער לעבטאג נאך נישט געוועזן.

האט מען ווידער אנגעלעגט א גרויס פייער און די מוטער האט געזאגט: „בלייבט נאר דא זיצען, קינדער, און אויב איר זענט מיד, מעגט איר א ביסעלע שלאפען; מיר גייז

אין וואַלד אריין האלץ האקען אין פּאַנאַבּז׳ אז מיר װעלען פארטיג ווערען׳ וועלען מיר קומען און אייך מיטנעמען.״ איז געקומען דער מיטאג׳ האט גרעטעל געטיילט איר ברויט מיט הענזלען׳ וואס האט זיין חלק צוזייעט אויף דעם וועג. דערנאך זענען זיי אנטשלאפען געווארען׳ און דער אווענד איז פארגאנגען׳ אבער צו די ארימע קינדער איז קיינער נישט געקומען. זיי האבען זיך ערשט אויפגעכאפּט אין דער פינסטערער נאכט׳ און הענזעל האט געטרייסט זיין שוועסטערל און געזאגט׳ „וואַרט נאר׳ גרעטעל׳ ביז די לבנה וועט אויפגיין׳ דעמאלט וועלען מיר זעהן די ברויט־ברעקלעך׳ וואס כ׳האב צוזייעט׳ זיי וועלען אונז ווייזען דעם וועג אהיים.״ אז די לבנה איז אויפגעקומען׳ האבען זיי זיך געלאזט אין וועג אריין׳ זיי האבען אבער נישט געפונען קיין שום ברעקעלעך׳ ווייל די פיל טויזענד פייגעל׳ וואס פליהען ארום אין וואלד און אין פעלד׳ האבען זיי אויפגעפּיקט. הענזעל האט געזאגט צו גרעטלען: „מיר וועלען שוין געפונען דעם וועג״׳ אבער זיי האבען אים נישט געפונען. זענען זיי געגאנגען די גאנצע נאכט און נאך איין טאג פון אין דער פריה ביז נאכט׳ אבער זיי האבען נישט געקענט ארויס פון׳ם וואלד און זענען געווען אזוי הונגעריג׳ ווייל זיי האבען גארנישט געהאט׳ נאר די פאר פאזשאמקעס׳ וואס זענען געשטאנען אויף דר׳ערד׳ און ווייל זיי זענען מיד געווען׳ אז די פיס האבען זיי נישט מער געוואלט טראגען׳ האבען זיי זיך געלעגט אונטער א בוים און זענען אנטשלאפען געווארען.

איז עס שוין געווען דער דריטער מארגען׳ אז זיי האבען פארלאזט זייער פאַטערס הויז. האבען זיי ווידער גענומען גיין׳ אבער זיי זענען אלץ טיפער פארבלאנדזשעט געווארען אין וואלד אריין און ווען ס׳קומט קיין הילף נישט׳ וואלטען זיי געמוזט פארשמאכט ווערען. איז געקומען מיטאג׳ האבען זיי געזען א שיין שנייווייס פייגעלע זיצען אויף א צווייג׳ האט עס אזוי שיין געזונגען׳ אז זיי האבען זיך געשטעלט און זיך איינגעהערט. און ווי ס׳איז פארטיג געווארען האט עס דערהייבען זיינע פליגעל און איז פאראויס פאר זיי געפלויגען׳ זענען זיי אים נאכגעגאנגען׳ ביז זיי זענען געקומען צון א הייזעלע׳ וואו ס׳האט זיך אנידערגעזעצט אויפ׳ן דאך׳ און אז זיי זענען צוגעקומען גאר נאהענט׳ האבען זיי געזעהן׳ אז דאס הייזעל איז געווען געבויט פון ברויט׳ און באדעקט מיט קוכען; אבער די פענסטער זענען געווען פון ווייסינקען צוקער.

„טא וועלען מיר זיך נעמען דערצו״׳ האט הענזעל געזאגט׳ „און וויסען פון א גוטען ביסען. איך וועל עסען א שטיק פונ׳ם דאך׳ דו גרעטעל׳ מעגסט עסען פונ׳ם פענסטער׳ ס׳איז גאר זיס.״ הענזעל האט ארויפדערלאנגט און זיך אבגעבראכען א שטיקעל פונ׳ם דאך׳ כדי צו פארזוכען דעם טעם׳ און גרעטעל האט זיך אנידערגעשטעלט ביי די שויבען און גענומען בייסען. האט זיך געלאזט הערען א דין קול׳עכעל פון דער שטוב ארויס:

„קוי׳ קוי׳ העמערל
ווער פאַרעט זיך ביים קעמערל ?״

האבען די קינדער געענפערט:

„דער ווינד׳ דער ווינד׳
דאס הימלישע קינד״׳

און האבען ווייטער געגעסען און זיך נישט געלאזט נארען. הענזעל׳ וועמען ס׳האט דער דאך גאר וואויל באקומען׳ האט זיך אבגעבראכען א גרויס שטיק׳ און גרעטעל האט אויסגעשלאגען א קיילעכדיגע שויב׳ זיך אנידערגעזעצט און זיך אויך געלאזט וואויל באקומען. האט זיך מיט איינמאל געטון א מאך אויף די טיר און געקומען צו גיין איז

א גרייז ראהע פרוי, וואס האט זיך געשטיצט אויף א שטאלק. הענזעל און גרעטעל האבען זיך אזוי מורא׳דיג דערשראקען, אז זיי האבען ארויסגעלאזט, וואס זיי האבען געהאלטען אין די הענד. די אלטע אבער האט געשאקלט מיט׳ן קאפ און געזאגט: „זאגט, ליבע קינדערלעך, ווער האט אייך געבראכט אהער? קומט נאר אריין און בלייבט ביי מיר, ס׳וועט אייך חלילה קיין



שלעכטס נישט געשעהן.“ זי האט אנגענומעןביידע ביי דער האנד און זי אריינגעפירט אין איהר הייזעלע. האט מען זיי דארט מיט גוט עסען מכבד געווען, מיט מילך און רייגקוך מיט צוקער, מיט עפעל און ניס. דערנאך האט מען אויסגעשפרייט צוויי שיינע בעטעלעך און הענזעל און גרעטעל האבען זיך אריינגעלעגט און זיך פשוט געפיהלט ווי אין הימעל. די אלטע האט זיך נאר געמאכט אזוי פריינדליך, זי איז אבער געווען א בייזע

מכשפה, וואס האט געלאקערט אויף די קינדער און נאר געבויעט דאס ברויטהייזעלע, כדי זיי צו פארנארען. איז איינס אריין אין אירע הענד, האט זי עס געטויט, אבגעקאכט און עס אויפגעפרעסען, און דאס איז געווען איר גרעסטער יום טוב. די מכשפות האבען רויטע אויגען און קענען נישט קוקען ווייט, דערפאר אבער האבען זיי א גאר גוטען חוש־הריח, ווי די חיות און דערשפירען שוין ווען ס׳דערנעהנטערט זיך א מענש. אז הענזעל און גרעטעל האבען זיך איר גענעהנט, האט זי זיך באזאפטיג צולאכט און געזאגט שפאטיג: „אט האב איך זיי שוין גוט אין די הענד. זיי וועלען שוין פון דארט נישט ארויס.“ גאנץ פריה, איידער די קינדער זענען דערוואכט, איז זי שוין אויפגעשטאנען און ווי זי האט געזעהן, אז ביידע שלאפען גאר ליבליך, מיט פולע רויטע באקען, האט זי צו זיך א שעפשע געטון: „דאס וועט ווערען א גוטער ביסען.“ האט זי הענזלען א נעם געטון מיט איר אויסגעדארטער האנד און אים אריינגעטראגען אין א קליינעם שטאל און אים איינגעשלאסען מיט א גראטע־טירעל: האט ער געמעגט שרייען מיט אלע כוחות, ס׳האט אים אבער גארנישט געהאלפען. דערנאך איז זי צוגעגאנגען צו גרעטלען, האט זי זי אויפגעטארעט און געזאגט: „שטיי אויף, דו פוילע, ברענג וואסער און קאך אב עפעס גוטס פאר דיין ברודער, ער זיצט אין דרויסען אין שטאל און זאל זיך אויסכאווען. וועט ער פעט ווערען, וועל איך אים עסען.“ גרעטעל האט אנגעהויבען גאר ביטער צו וויינען, ס׳האט אבער גארנישט געהאלפען, זי האט געמוזט טון, וואס די בייזע מכשפה האט פארלאנגט.

האט מען פאר דעם ארימען הענזעל געקאכט די בעסטע געקעכצען, אבער גרעטלען האט מען גארנישט געגעבען, נאר די שאלעכצער פון ראקעס. יעדען אין דער פריה האט זיך די אלטע אויפגעכאפט איז צו צו דעם שטעלעכעל און האט גערופען: „הענזעל שטעק ארויס דיינע פינגער, כדי איך זאל פיהלען, צי וועסטו באלד פעט ווערען.“ הענזעל האט איר אבער ארויסגעשטעקט א ביינדעלע און די אלטע, וואס האט געהאט קאליע אויגען, האט עס נישט געקענט באמערקען און געמיינט, אז ס׳זענען הענזעל׳ס פינגער און האט זיך גאר פארחידושט, וואס ער ווערט גארנישט פעט. אז ס׳איז פארגאנגען א חודש און הענזעל איז נאך אלץ מאגער געבליבען, האט זי גענומען ווערען שטארק אומגעדולדיג און נישט געוואלט לענגערווארטען. „היידא, גרעטעל“, האט זי דעם מיידעל א זאג געטון, „זיי פלינק און טראג וואסער; מעג הענזעל זיין פעט אדער מאגער, מארגען וויל איך אים קוילען און אבקאכען.“ אז וויי, וויאזוי האט זי נעבעך געיאמערט, דאס ארימע שוועסטערל, אז זי האט געמוזט טראגען דאס וואסער, און ווי זענען איר די טרערען ארונטערגערינען איבער די באקען!

„ליבער גאט, שטיי אונז דאך ביי“, האט זי אויסגערופען, „וואלטען אונז כאטש געווען פארציקט די חיות רעות אין וואלד, וואלטען מיר דאך געווען געשטארבען אינאיינעם.“ — „שפאר דיינע טרערען“, האט די אלטע געזאגט, „ס׳וועט דיר אלץ איין גארנישט העלפען.“

גאנץ פריה האט גרעטעל געמוזט ארויס, אויפהענגען דעם קעסעל מיט וואסער און אנצינדען א פייער. „קודם וועלען מיר באקען“, האט די אלטע געזאגט, „כ׳האב שוין אונטער־געהייצט דעם אויוון און געקנעטען דאס טייג.“ האט זי די ארימע גרעטעל צוגעטריבען צום אויוון, פון וועלכען ס׳האבען שוין ארויסגעשלאגען די פייערדיגע פלאמען. „קריך אריין“, האט געזאגט די העקס, „און פרווו אויס, צי ס׳איז גוט אייגעהייצט, אז מיר זאלען קענען איינזעצען דאס ברויט.“ און אז גרעטעל איז געווען אינעווייניג, האט זי געוואלט צומאכען

דעם אויווען, אז גרעטעל זאל זיך אבבראטען און כדי זי זאל זי דערנאך קענען אויפפרעסען. אבער גרעטעל האט דערשפירט, וואס זי האט געטראכט און זיך אנגערופען: „כ׳ווייס נישט, וויאזוי צו טון; וויאזוי זאל איך אריינקריכען?" – „נארישע בהמה", האט די אלטע געזאגט, „דער חלל איז גענוג גרויס, אפילו איך וואלט געקענט אריין", און האט זיך צוגעקאַטשעט און אריינגעשטעקט דעם קאפ אין אויוועו אריין. האט גרעטעל זי א שטופ געטון, אז זי איז ווייט אריינגעפאלען, האט צוגעמאכט די אייזערנע טיר און גוט צוגעריגעלט. אוי! האט זי גענומען שרייען, גאר יעמערליך; אבער גרעטעל איז אנטלאפען געווארען און די מיאוסע האט געמוזט אומברחמנות׳דיג פארברענט ווערען.

גרעטעל אבער איז צוגעלאפען גלייך צו הענזלען, געעפענט זיין שטעלעכעל און גערופען: „הענזעל, מיר זענען דערלייזט, די אלטע העקס איז טויט." איז הענזעל ארויסגעשפרינגען, ווי א פויגעל פון זיין שטייגעל, אז ס׳ווערט אים געעפענט די טיר. ווי גאר האבען זיי זיך געפרייט, געפאלען זיך ארום דעם האלז, ארומגעשפרונגען און זיך געקושט! און ווייל זיי האבען נישט באדארפט מער מורא האבען, זענען זיי אריינגעגאנגען אין דעם הויז פון דער מכשפה, אין אלע ווינקלען זענען געשטאנען קאסטענס מיט פעריל און עדעלשטיינער „אט די דאזיגע זענען נאך בעסער ווי קיזעלשטיינער", האט הענזעל געזאגט און אריינגעפאקט אין זיינע קעשענעס, וויפיל ס׳האט נאר געקענט אריין און גרעטעל האט געזאגט: „כ׳וויל אויך עפעס מיטברענגען אהיים" און אנגעפילט זיך איר שירצעל. – „אבער איצט לאמיר גיך אוועק", האט הענזעל געזאגט, „כדי מיר זאלען קענען ארויס פון דעם פארכישופטען וואלד." ווי זיי זענען אזוי געגאנגען א פאר שעה, זענען זיי אנגעקומען צון א גרויס וואסער, „מיר קענען נישט אריבער", האט הענזעל געזאגט, „איך זעה נישט קיין קלאדקע, איך זעה נישט קיין בריק". – „דא פאהרט אויך קיין שיפעלע נישט", האט גרעטעל געענפערט, „אבער אט שווימט א ווייסע קאטשקע, אז כ׳וועל זי בעטען, וועט זי אונז אריבערנעמען". האט זי גערופען:

„קאטשקעלע, קאטשקעלע,
אט שטעהען הענזעל און גרעטעל,
נישטא קיין קלאדקע, נישט קיין בריקעל,
טראג אונז אויף דיין ווייסען ריקען".

איז דאס קאטשקעלע אויך צוגעקומען, האט זיך הענזעל ארויפגעזעצט און געבעטען זיין שוועסטערל, ס׳זאל זיך צון אים צוזעצען. „ניין", האט געענפערט גרעטעל, „ס׳וועט דעם קאטשקעלע זיין זעהר שווער, זאל עס איינעם נאכן אנדערן אַריבערטראגען." האט דאס גוטע קאטשקעלע אזוי געטון און זיי זענען בשלום אריבערגעקומען און אז זיי זענען א שטיקעלע ווייטערגעגאנגען, איז זיי פארגעקומען דאס וואלד אלץ באקאנטער און מיט איין מאל האבען זיי פון דערווייטענס דערזעהן דעם פאטערס הויז. האבען זיי גענומען לויפען, אריינגעפאלען אין שטוב אריין און געפאלען דעם פאטער ארום דעם האלז. ער האט קיין איינציגען גוטען טאג נישט געהאט, זינט ער האט איבערגעלאזט די קינדער אין וואלד, די פרוי אבער איז אים געשטארבען. גרעטעל האט אויסגעשיט איהר שירצעל, האבען זיך די פעריל און אבנים טובות ארומגעוואלגערט אין שטוב, און הענזעל האט אלץ יעדעסמאל איין זשמעניע נאך דער אנדערער צוגעווארפען פון זיין קעשענע. האבען זיך אויפגעהערט אלע דאגות, און זיי האבען געלעבט אינאיינעם אין לויטער נחת. פידעל די קאץ, פידעל די מויז, די מעשה איז אויס.

# יידישער קולטור־פארלאג

| | בראש· | געב· |
|---|---|---|
| ד״ר נתן בירנבוים: גאטס פאלק · · · · · · · · | 20—׳ | |
| מאקס בראד: טיקא בראהעס וועג צו גאט<br>איבערגעזעצט פון דייטש פון שלמה בירנבוים | 50—׳ | 62—׳ |
| אנרי בארביס: קלארקייט·<br>א ראמאן· איבערגעזעצט פון פראנצויזישן פון רפאל זעליגמאן | 60—׳ | 72—׳ |
| י· וו· געטהע: די יסורים פון דעם יונגן ווערטהער·<br>איבערגעזעצט פון משה לוריא | 30—׳ | 42—׳ |
| ברידער גרים: אויסגעקליבענע מעשהלעך מיט בילדער<br>4 העפטן, יעדער העפט | 30—׳ | |
| ערנסט טאלער: דער איבערקער, א דראמע· | ׳ | |
| קארל ליבקנעכט: בריוו· מיט 6 בילדער אין קונסט דרוי· | 40—׳ | 52—׳ |
| ראזא לוקסעמבורג: בריוו מיט א פארטרעט | 15—׳ | |
| גוסטאוו לאנדויער: אויפרוף צום סאציאליזם·<br>מיט א פארטרעט און א נאכווארט פון ה· פראנק | 45—׳ | 57—׳ |
| א· ד· גארדאן: בריוו פון ארץ־ישראל · · · · · · | —׳ | 12—׳ |
| דעוויס טריטש: בילדער פון ארץ־ישראל<br>אויף קונסטדרוק־פאפיר מיט 80 בילדער | 40—׳ | 52—׳ |
| א· ל· יפה: ארבייטערזידלונגען אין ארץ־ישראל · · | —׳ | 20—׳ |
| יהודה לעהמאי: איינשטיינס רעלאטיוויטעטס־טעאריע<br>מיט א פארטרעט פון פראפ· איינשטיין | —׳ | 12—׳ |
| פ· מ· דאסטאיעווסקי: די ברידער קארמאזאוו<br>פולשטענדיגע איבערזעצונג פון משה לוריא | | גרייט צום דרוק |

די פרייזן אין דייטשע מארקן און אומפארבינדליך·
פאר אויסלאנד מיט טייערער וואלוטע קומט א צושלאג·

## „עבר־דרוקעריי״

דעם יידישן קולטור־פארלאג געהערט די „עבר־דרוקעריי״, וואס נעמט אן באשטעלונגען אויף יידישע און העברעישע ביכער און צייטונגען· די ארבייטן ווערן פינקטליך, און אויף א טעכניש־גוטן אופן ארויסגעגעבן

BERLIN SO 26 ELISABETHUFER 44· Tel· Moritzpl· 90-83.